STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01129

YIDISHE GAS

Abraham Sutzkever

*Permanent preservation of this book was made possible
by Gerald Golden*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ייִדישע גאָס

ייִדישע גאַס

פון

אברהם סוצקעווער

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

1948

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „מתנות"
ביים שלום־עליכם־פאָלק־אינסטיטוט

YIDDISHE GAS

POEMS

By ABRAHAM SUTSKEVER

Copyright, 1948, by
FARLAG MATONES
New York, N. Y.

Published by
Farlag Matones
22 E. 17th St., New York 3, N. Y.

Printed in U. S. A. by
The Shoulson Press
New York, N. Y.
255

אינהאַלט:

געזעגעניש

ײדישע גאַס 11
טרײסטליד 13
אַ האַרדע מוזיק 14
צום קינד 16
אַ שטים פון האַרץ 18
ליד צו די לעצטע 19
תּפילה צום נס 22
יעדער שעה, יעדער טאָג 23
נאָכן טויט 24
גלוסט זיך מיר צו טאָן אַ תּפילה 25
יהואָש 26
פאַר נאַכט 28
אַ טאָג ביי די שטורמיסטן 29
קערנדלעך ווייץ 32
עס פליט אַרײַן אַ פלאַטערל 34
דער דיכטער 36
אויפן טויט פון יעקב גערשטיין 37
פון אַ פאַרלוירענער פּאָעמע 38
אונטער דיינע ווייסע שטערן 39
ווי צוויי עקן פון אַ רעגן־בויגן 40
צוויי סטראָפעס 42
פאַרברענטע פערל 43
די יונגע מאַמע 44

דער נביא 45
זאַנגען 49
די וועלפּיכע 51
די בריק 53
סובאָטש־גאָס צוואַנציק 54
דאָס מיידל פון וואַלד 57
ווי אַזוי? 59
לידער פון פאַרשאָלטענעם שמייכל (א. אַ שטים,
ב. די שאַרפע ליפּן, ג. מע זוכט אונדז, ד.
בלעטלעך אַש, ה. די גראָע קרויז, ו. דער
פרעמדער) 60
צו לייזער וואָלף 66
שוואַרצע דערנער 67
געזעגעניש 68

פון אַנטלאָפענעם אינדזל

ביים ים 75
דער בינשטאָק 79
אַ דיכטער ביי נאַכט 80
דאָס ליד פון רעגן־בויגן 82
מוראַשקע־נעסט 84
אויסגעלאָשן 85
לידער צו אַ לונאַטיקערין 86
באַדאַרפסט פאַר אונדז זיין אַ דערלייזער 88
ווער וועט קומען? 89
לאָמיר וועבן די לעגענדע 90
אין די בערג 92
פון די אופּאַנישאַדן 94
איך וועל שפּרינגען 95
דער וועוורי 96
אַזוי האָט געדאַרפט, האָט געמוזט זיין 97
צום אויג 98
די בויערס 99
שטיינהעקער 100

די גראָע צייט 101
י. ל. פּרץ 102
מלחמה 103
מלחמה־פעלקער 104
משוגעת 105
מאַרגנקינד 106
צוויי קוילן 108
פיר לידער אין אַלט־יידישן לשון (געבעט, טרינק־
ליד, חתן־כלה־ליד, וויגליד) 109

עפּיטאַפן 113

אין סדום

בראַנדענבורגער טויער 145
אויפן מאַרק 146
פאַרן נירנבערגער טריבונאַל 148
דריי נעגערס 149
אין שטרייכערס פּאַלאַץ 150
בערלינער זיידע 152
צו די יידן אין דייטשלאַנד 154

צו פּוילן 155

אַ פלאַש מיט נעמען

שולדיק איז דער גוף 169
תחית המתים 170
דער לייכטער 172
אַ מאָל איז געגאַנגען אַ רעגן 173
איך האָב געזוכט דאָס ניט־אַנטפּלעקטע שווייגן . . 176
בעסער לעבן 178

אונדזער גלויבן 179
צום געצן־דינער 180
צום דינעם אָדערל אין קאָפּ 181
שורות געשריבן אין וואַרשע 182
מקנא בין איך 183
דאָס שערבל 184
ליד וועגן אַ הערינג 185
מיין פאַרגעסענע ביקס 186
פּילאַטוס 187
שפּינאָזע 188
דער ניי געבוירענער 192
פּאַריז 193
ווער האָמערט ? 196
אַ שולכל 197
מאַראַנען 198
דענקמאָל 199
די פרוי פון מירמל אויפן פּער־לאַשעז 200
אַ פלאַש מיט נעמען 202

געזעגעניש

יידישע גאַס

ביסט ניט פאַרגאַנגען. דיין פּוסטקייט איז פול.
פול מיטן פאָלק ווי מיין אויג מיט דער מאַמען.
ערגעץ נאָך פלאַטערט אַ שיימע, אַ שול,
ס'האָבן אויף זיי ניט קיין שליטה די פלאַמען.
איך וואָלט געשווירן: אומערדיש דיין גבול,
טיף אין געווען און ווערט־זיין — דיינע שטאַמען.
אָט איז די באָרד אויפן בלוילעכן ש״ס,
אָט איז דאָס הייליקע קרעמל מיט קוואַס.
יידישע גאַס.

דו ביסט דער ניגון, וואָס דורות צוריק
האָבן אַרויסגעשפּילט מיינסטער כלי־זמרים.
ס'האָט זיך פאַרשטעלט אין אַ גאַס די מוזיק,
בלויז פאַרן אָרעמען דאַכט זיך: ביסט אָרעם.
ווען ס'איז אָבער געשאָנקען דאָס גליק
זאַמלט דיין פּראַכט מיט אַן אָפענעם אָרעם.
אָט איז די פאָנע פון בלוטרעגן נאַס,
אָט איז די לערערין מירע אין קלאַס.
יידישע גאַס.

אויב נאָר דיין שטערן־פּרוכת איז וואָר —
איז אויך דיין וואָר ניט קיין חלום קיין בלינדער.
אָט איז דער נביא מיט שטיינערנע האָר,
מאָלט די נבואה פאַר נאַקעטע קינדער.

קען דען די וואָג פון אַ פינף הונדערט יאָר־
ווינציקער וועגן פון פיצל אַצינדער ? .
ווער זאָגט פאַרשוואונדן ? אַ ליגן, אַ שפּאַס,
ערגעץ נאָך בומקעט דער באַסער אין באַס.
יידישע גאַס.

לעבט ניט דער ניגון, ווען טיף אויף זיין גרונט
שטראַלט דאָס געביין פון געפאַלענעם שפּילער ?
שטיינערנע צערטלעניש וויקלט מיך רונד, —
מיך, דיין פאַרוואָגלטן, מיך, דיין דערפילער.
יידישע גאַס, לאָמיר שליסן אַ בונד !
לאָז מיך דערהערן דיין אייביקייט, שטילער:
אָט ביסטו ווידער אַזוינס און אַזאַס,
העכער פון האַס און פון צייט דער מרשעת —
יידישע גאַס !

פּאַריז, דעצעמבער 1946

טרייסט ליד

פאַרנעם אין דיין גרויסער צעטומלונג, דו וואונדערלעך פאָלק מיינס, אַ טרייסטליד,
ווען ס׳קרעכצט דיין געבויגענער נאַקן
און ווארט שוין ניט מער אויף גענאָד.
ביסט צווישן די פעלקער אַ מאָנונג, אַלץ איינס צי דו ווייסט אָדער ווייסט ניט;
עס וועלן דיך העק ניט צעהאַקן,
עס וועט ניט צעדרייען קיין ראָד.

פון אַקסל אויף אַקסל טראָגסט ווייטער די אַלטע גראַניטענע לוחות —
עס לייענט די צוקונפט זיי, איידער
זי טוט זיך פאַרוואַנדלען אין איצט.
עס גיבן אַ הייב זיך ווי ימען פון וועגן דיין מאָנונג מלוכות,
און ס׳ציטערט דער וועלטישער סדר
וואו דו האָסט דיין נאָמען פאַרקריצט.

דיין הוים איז די גרוים ווי דיין עלנט; פאַרמעגן — צו וואָס איז דיר נייטיק?
דיין פאַלן איז שטענדיק אַ בשורה:
די אויסלייזונג רייסט זיך פון קייט.
ווי אָנגעגליט אייזן אין וואַסער, פאַרשטאַלט איז דיין שוואַכקייט אין ווייטיק,
און ווער עס דערפילט אַזאַ גבורה —
דער האָט שוין זיין לעבן באַשיידט.

געבונדן די הענט, און זיי גראָבן אויף ס׳ניי די פאַרשאָטענע קוואַלן —
דאָס מויל מיט אַ פויסטיקן זיגל —
עס ווערט ניט פאַרלוירן קיין טראָף.
און אַלע וואָס האָבן געמאָרדט דיך, זיי מוזן און וועלן צעפאַלן,
און ליגן אין שאַנד פאַר דיין וויגל,
וואו ס׳דרימלט אַ נייער באַשאַף.

אין שלאַכטפעלדער וויקלסט פונאַנדער די געסעלעך הפקרדיק־שמאָלע,
דו ברענסט ווי די זון דורך אַ שטורעם
און ברענענדיק ווערסטו באַפרייט. —
דעם חבר וועט שטאַרקן דיין ברכה, דעם שונא וועט סמען דיין קללה!
און שמעלצן וועסטו אין דיין פורעם
די נאָך־ניט־געבוירענע צייט.

ווילנער געטאָ, 8טן סעפּטעמבער 1943

אַ האָרדע מוזיק

א

ביי אַ וואַרעמען בערגעלע פערדישע מיסט
וואַרעם איך, וואַרעם די אייזיקע הענט.
איך וואַרעם די הענט און דערביי מיך פאַרדריסט:
צו ווינציק ביז איצטער פאַרנומען, דערקענט,
די גרויסקייט פון קליינקייט.
ס׳קען טרעפן, אַז אויך
פון אַ בערגעלע מיסט אָט דער וואַרעמער הויך, —
זאָל ווערן אַ ליד אין דערהויבענער שיינקייט.

ב

מיט אַזעטיקע רגעס
באַגעגנט אין שנייוואַלד,
מוז מען זיך ראַנגלען,
פירן מלחמה,
נאָך מער ווי דער גוסס
מיט זיינע מיקראָבן.
געווינסטו —
וועלן זיי בלייבן דיין אייגנס,
אַנטפּלעקן דעם זינען פון גאָרן געראַנגל,
געבויר פון גורלות
פאַרשלאָסן אין שניי.
נאָר וועסטו פאַרשפּילן דעם שאַרפן געפּעכט —
וועט דיך דיין אייגענער אָטעם
פאַרפרירן.

ג

אליין. פֿאַרפֿרוירענע לויטערע שטילקייט.
אונטער דער שטילקייט —
מיין נאַקעטער גוף.
בלויז צוויי איילן ערד זענען מיינע —
די, וואו איך ליג מיט אַ צודעק לבנה.

איך שפּיץ מיינע אויערן אָן צו דערהערן
אַ קול פֿון אַ חבר,
אַ קול פֿון אַ חבר!
נאָר ווי מיין עכאָ דערטראָגט זיך פֿון וויטן
מוזיק פֿון וועלף
אין אַ בלענדיקער האַלבראָד.

איז דאָס מיר געבליבן דאָס איינציק-געטרייע:
מוזיק פֿון וועלף —
דאָס איינציק-געטרייע,
איבער וואַלדיקן שניי ווי פֿאַרפֿרוירענע וואָיען?
זאָל זיין!
עס דערנענטערט זיך שטאָליק און שאַרף
צו מיר, קעגן מיר,
אַ האָרדע מוזיק!

אַהער מיינע וועלף,
מיינע טייערע וועלף!
לאָמיר ווערן חברים און טרעטן צוזאַמען
קעגן פֿיינדלעכן מענטש, קעגן גיהנומשער קעלט.
האָרדע מוזיק, —
פֿאַרנעם די וועלט!

ווילנע, זאַקרעטער וואַלד, דעצעמבער 1941

צום קינד

צי פון הונגער,
צי פון גרויסער ליבשאַפט, —
נאָר אַן עדות איז דערביי דיין מאַמע:
איך האָב געוועלט דיך איינשלינגען, מיין קינד,
ביים פילן ווי דיין גופל קילט זיך אָפּ
אין מיינע פינגער,
גלייך איך וואָלט אין זיי געדריקט
אַ וואַרעמע גלאָז טיי,
פילנדיק דעם איבערגאַנג צו קאַלטקייט.

ווייל דו ביסט ניט קיין פרעמדער, ניט קיין גאַסט,
אויף אונדזער ערד געבוירט מען ניט קיין צווייטן, —
זיך אַליין געבוירט מען ווי אַ רינג,
און די רינגען שליסן זיך אין קייטן.

קינד מיינס,
וואָס אין ווערטער הייסטו: ליבשאַפט,
און ניט אין ווערטער ביסטו עס אַליין,
דו — דער קערן פון מיין יעדער חלום,
פאַרהוילענער דריטער,
וואָס פון די וועלטישע ווינקלען
האָסטו מיטן וואונדער פון אַן אומגעזעענעם שטורעם
צונויפגעבראַכט, צונויפגעגאָסן צווייען
צו באַשאַפן דיך און צו דערפרייען: —

פאַר וואָס האָסטו פאַרטונקלט דעם באַשאַף,
מיט דעם וואָס דו האָסט צוגעמאַכט די אויגן
און געלאָזט מיך בעטלערדיק אין דרויסן
צוזאַמען מיט אַ וועלט אַן אויסגעשנייטער,
וואָס דו האָסט אָפּגעוואָרפן אויף צוריק?

דיך האָט ניט דערפרייט קיין וויג,
וואָס יעדער איר באַוועגונג
באַהאַלט אין זיך דעם ריטעם פון די שטערן.
עס מעג די זון צעברעקלען זיך ווי גלאָז —
ווייל קיין מאָל האָסטו ניט געזען איר שיין.
אַ טראָפּן סם האָט אויסגעברענט דיין גלויבן,
דו האָסט געמיינט:
ס'איז וואַרעם-זיסע מילך.

— — — — — — — — — — — —

איך האָב געוועלט דיך איינשלינגען, מיין קינד.
כדי צו פילן דעם געשמאַק
פון מיין געהאָפטער צוקונפט.
אפשר וועסטו בליען ווי אַ מאָל
אין מיין געבליט.

נאָר איך בין ניט ווערט צו זיין דיין קבר.
וועל איך דיך אָוועקשענקען
דעם רופנדיקן שניי,
דעם שניי — מיין ערשטן יום-טוב,
און וועסט זינקען
ווי אַ שפּליטער זונפאַרגאַנג
אין זיינע שטילע טיפן
און אָפּגעבן אַ גרוס פון מיר
די איינגעפרירטע גרעזלעך — — — —

ווילנער געטאָ, 18טן יאַנואַר 1943

אַ שטים פון האַרץ

אַ שטים פון האַרץ באַפעלט מיר: גלייב
אין שוין פאַרשוועכטן וואָרט געשעכטשאַפט.
דער ווייטער יורש פון אַ לייב
מוז ווידערשפעניקן זיין קנעכטשאַפט.

ס׳איז דאָ אַ גאַנג. עס ליגט זיין ציל
אין ווילדן אורוואַלד פון זכרון.
ס׳איז אויך פאַראַן אַזאַ באַציל,
וואָס טראָגט דעם סם פון טויזנט יאָרן.

און זוכסטו פאַר דיין פיין אַ זין —
פאַרוואַנדל זיך אין איר אַנטפּלעקער,
און הער ווי זיידעס וועקן זיך
ווי שטורעמהעק אין בראַנדז פון גלעקער.

ס׳איז דאָ אַ גאַנג. איז קלעטער, שפּרייז,
קויף אויס דעם דורותדיקן שטרויכל.
דער טויט איז מוחל יעדער גרייז,
נאָר זיין אַ קנעכט איז ער ניט מוחל.

ווילנע, 22סטן יולי 1941

ליד צו די לעצטע

ניט מילבן זייט איר, — יענע האָבן מוט
צו ברענגען זיך דעם פייער פאַר קרבנות.
און ניט קיין זאַנגען אונטער דרעש פון רוט,
און ניט קיין גראָז צעטראָטן אָן רחמנות.
נאָר ווילט איר זיך דערוויסן ווער איר זייט —
צום פאַלשן שפּיגל זאָלט איר זיך ניט קערן,
נאָר קנייפּט אַרויס אַ רויע שטיקל צייט
און ברענגט צום נאָזלאָך — ועט איר אייער אומקום-ריח הערן.

אַ, ברידער מיינע, הייבט אַרויף דעם קאָפּ,
דעם זינקעדיקן ווי די זון, דעם קראַנקן.
איך וויל אייך זען אין אייער זונק אַראָפּ,
פאַרנעמען מיינע אייגענע געדאַנקען;
פאַרבלייבט אַ רגע נאַקעט, אָנעם איצט.
נאָר לייענט זיך אַליין, ווי אַ פאַרברעכער
די אותיות אין זיין טויטנצעל פאַרקריצט,
און טראַכט צי אייער ווי קען גרייכן אייביקער און העכער!

אָט נעכטן, דאַכט זיך, האָט איר נאָך געשפּינט
אַ זיכערקייט און ניט געדענקט דעם שפּעטער.
געגרונטפעסטיקט אַ היים אויף שטראָם און ווינט
און אויפגעשטעלט אויף זומפּן-הייטלעך געטער.
און יעדער איינער האָט פאַרלייגט אַ שטעג
בכדי דעם צווייטנס קונציק צו פאַרצאַמען;
און ניט געפילט: עס רינען אויס די טעג
און גרייטן צו אַ דערנערשן געטראַנק פון לויטער סמען.

אַ חיה, אַז מע לויערט אויף איר גאַנג —
זי לאָזט באַדיי איר פעל און פרואווט אַנטרינען.
בלויז איר האָט ניט געפילט שוין קיין געפאַנג,
איר האָט געמיינט: די פייל וועט ניט געפינען.
מיליאָנענווייז געוועזן זייט איר קיינס
און יעדער האָט געמיינט: ער איז מיליאָניק.
און וואו אַ וואָרט אַן אייגנס און אַ ריינס —
האָט איר פאַרשפּייט, און פרעמדע מיסט אַרומגעלעקט ווי האָניק.

און איצטער, ווען די שרעק פון טויזנט יאָר
האָט אייך באַרינגלט מיט די שוואַרצע פלויטן,
פאַרשאָלטן אייך צו זיין דער לעצטער דור,
אין פאָלקס־מנורה — יאָרצייטיקע קנויטן;
ווען יעדער איז אַליין אַ דאָרף, אַ שטאָט,
געקלעפּט פון ווייב און קינדס פאַרגליווערט פּנים —
צי האָט דעם חורבנס צאָרנדיקער זאָט
דערגרייכט כאָטש אייער פוסטריט און געלאָזן דאָרט סימנים?

צי האָט איר זיך צעעפנט ווי ביי נאַכט
אַ וואַלד, באַפאַלן פון אַ האָרדע בליצן?
געפילט כאָטש ווי דער באָדן ברומט און קראַכט
און קיינער איז ניטאָ אייך צו באַשיצן?
איר האָט זיך ניט געביטן אויף אַ האָר,
אַנטלאָפן איז פון אייך געפיל און שפּירונג.
אַ דאָרן זייט איר איצטער, ניט קיין דור, —
פאַרברענטע שערבלעך אייער קוואַל און שפּינוועבס אייער צירונג.

און שלעכט זייט איר צו זיך... צום שונא — גוט.
איר העלפט אים נאָך אייך גופא צו דערשטיקן;
איר קושט פון זיין געוויסן אוים דאָס בלוט
און וואַרט פון אים זיך איינגערעדטע גליקן.
און וואָלט איר גלייביק זיין — וואָלט איר מסתם
פאַר אייער גוטן שונא טאָן אַ תפילה.
ווייל אייך אַליין איז מיאוס אייער שטאַם,
זיין שיינקייט האָט איר איינגעפלעקט און מערקט עס ניט אַפילו.

עס שרעקט מיך אייער פריישאַפט נאָך אַנאַנד,
נאָך מער ווי מיינע לעצטע דריי סעקונדן.
צי וועט איך דען אַריינלאָזן איר לאַנד
וואו שטערן האָבן יום-טוב-ליכט געצונדן?
איך האָק מיין שאַרבן אָן אַ שטיין און זוך
אין שפּליטער זיינעם טרייסט פאַר אייך, די לעצטע.
ווייל איך בין אויך אַן אות אין אייער בוך,
און מיין זון איז ווי אייערע אין פרילינג אַ פאַרקרעצטע.

אַ, ברידער מיינע, העלפט מיר זוכן טרייסט,
מיין קאָפּ איז שוין צעהאַקט — און וואָס געפונען?
זאָל איטלעכער דערהאַרכן ווי זי הייסט
און פון אַ וועלכן שטאָף זי איז געשפּונען.
זי מוז דאָך זיין! אויב ניט איז אָן אַ האַפט
דעם מאָרגנס גאָלדיק-אויסגעוועבטע פאָנען.
נאָר ס'פּאַסט פאַר אייער שוואַכקייט ניט איר קראַפט,
מיך עקלט דער געדולד פון אייך, איר לעצטע פון מיליאָנען!

ווילנער געטאָ, 16טן מאַרץ 1943

תפילה צום נס

ביסט דאָ, ביסט דאָ! ביסט לעבעדיקער קערן
אין טויטער שאָל פאַרוויקלט ווי אַן איי.
ביסט דאָ, ביסט דאָ! און וועסט אַ הילף מיר ווערן
בשעת דיך וועט דערוואַרעמען מיין ווײ.
כ׳בין נאַקעט אויפן פראָסט. און זע, איך וואַרעם
דיין טויטע שאָל: דערבאַרעם זיך, דערבאַרעם!

און דו וועסט דאָך זיך מוזן טאָן אַן עפן
און פריי זיין אוים די קלאַמערן פון וואָרט,
וועט דיין בליק דעמלט זיך מיט מיינעם טרעפן
און בלייבן הענגען צווישן מיר און — מאָרד.
און זיך אַליין וועסטו צום נס באַשווערן
ווי איצטער איך, מיט וואַרעמקייט פון טרערן.

עס איילט דער טויט, אויף קוילנשאַרפן רייט ער
צום דורכשטעכן אין מיר מיין העלסטן טרוים.
אַ רגע — און איך ליג שוין אַ פאַרבלייטער
אויב דו וועסט ניט פאַרלויפן, זיין אַ צוים.
פאַרלויף דעם וועג! אויב ניט, וועט דיר פאַרדריסן,
ווייל אויך אַ נס מוז האָבן אַ געוויסן.

ווילנער געטאָ, 23סטן נאָוועמבער 1942

יעדער שעה, יעדער טאָג

יעדער שעה, יעדער טאָג, —
איז מער ניט קיין שעה,
איז מער ניט קיין טאָג,
ס'איז אַ גרייטער מזבח ביי דיר אין געביין,
וואו פֿאַרשלונגען ווערט אַלץ, וואָס דו פֿילסט, וואָס דו זעסט,
און דו זינגסט נאָך דערביי, ווען דו פֿרעסט
זיך אַליין.

ווילנער געטאָ, 27סטן אַפּריל 1943

נאָכן טויט

איז חייסט עס געגוג בלויז דער שטאָך פון אַ בלייכל,
עס זאָל דיך אין מיטן דערינען פאַרראַטן
די זון אויף דער לאַנקע, דיין ליבלינג דאָס טייכל,
די פרוי וואָס דו ליבסט און דיין אייגענער שאָטן?

אַזוי טאַקע הייסט עס. דאָס איז די באַלוינונג
פאַר דרייסיק יאָר זיין מיט גורל אויף מעסערס.
איך ווייס ניט ווי טייער עס קאָסט מיך די וווינונג, —
איך צאָל מיט מיין לעבן ווייל כ'האָב ניט קיין בעסערס.

אַ ליגן, עס טינטלען פּאָעטן אַ ליגן,
אַז טויט, מיינע פריינד, איז אַזאַ און אַזעלכער!
איך זוך דאָך אַצינד זיין פאַרשאָלטענעם ניגון
און ווייס, אויף מיין ערנוואָרט, וואָסער און וועלכער.

און נאָך אַ זאַך ווייס איך: מיין גייסט איז, אַ שטייגער,
ניטאָ. נאָר מיין גוף בייט ניט איבער זיין פאָרעם, —
פאַר וואָס אָבער קלאַפּט אויף מיין האַנט נאָך דער זייגער,
ווען צייט איז ניט נייטיק שוין מער אין די קברים?

צי וויל ער מיר ווייזן: פון יענער-וועלט, — אויבן
געהערט מיר אַ שטיקל באַוועגונג אויך דאָרטן?
ווי שווער מיר איז איצטער צו גלייבן אָן גלויבן
אַז עמעץ באַדאַרף עס אַזוי און ער פאָדערט!

ווי שווער איז דאָ שטענדיק צו ליגן פאַרפאַרעצט,
ניט ריידן, ניט שרייבן, בלויז ליגן פאַרלאָשן.
איך טרוים שוין ניט מער ווי געוועזן, איך וואָר איצט,
די שטילקייט, וואָס פרעסט זיך אַליין, איז מיין לשון.

איז דאָס יענע רו, וואָס מע רופט זי נירוואַנאַ?
אַ ליגן! דאָס ניט-זיין איז פיינלעכער, שווערער.
איך בין זיך אַליין אין מיין טויטשרעק מקנא,
ווייל דעמלט האָב איך נאָך געגלייבט מיין געבערער.

איך זע איצט מיין לעבן — ווי כ'וואָלט דורך אַ שפּעלטל
געקוקט אויף אַ זונפאַרגאַנג ביז ער פאַרנידערט —
און עפּעס צערינט דורך די פינגער דאָס וועלטל,
מיט וועלכן עס ווילט זיך צוריק זיין פאַרברידערט.

ווילנער געטאָ, מיי 1942

גלוסט זיך מיר צו טאָן אַ תפילה

גלוסט זיך מיר צו טאָן אַ תפילה — ווייס איך ניט צו וועמען,
דער, וואָס האָט אַ מאָל געטרייסט מיך, וועט זי ניט פאַרנעמען,
ווייס איך ניט צו וועמען —
האַלט זי מיך אין קלעמען.

אפשר זאָל איך בעטן ביי אַ שטערן: „פריינד מיין ווייטער,
כ'האָב מיין וואָרט פאַרלוירן, קום און זיי אים אַ פאַרבייטער!"
אויף דער גוטער שטערן
וועט עס ניט דערהערן.

נאָר אַ תפילה זאָגן מוז איך, עמעץ גאָר אַ נאָנטער
פייניקט זיך אין מיין נשמה און די תפילה מאָנט ער, —
וועל איך אָן אַ זינען
פלאַפּלען ביז באַגינען.

ווילנער געטאָ, 17טן יאַנואַר 1942

יהואש *

די ערד, — אַ בלינדער זשיפּענדיקער שטראָם, —
און אויפן שטראָם — אַ בינטל קראַנקע הייזער
ווי רעשטלעך פון אַ שיף. . .
אין זייער טיף —
נשמות פון אַרויסגעהויכטע שעהען.
און קינדער אין די ווינקלען —
גראָע טויבן אין אַ שטורעם,
פאַרקלאַמערטע אין זייער לעצטער מידקייט.

דאָס בינטל הייזער טראָגט זיך שטראָם אַראָפּ,
אַנטקעגן קאָכט אַ קעסלגרוב
מיט יעדער בליק אַלץ נענטער.
געזעגעניש.
געפּלאַץ פון מאָרגנס.
ווערטער שיידן זיך מיט זאַכן ערב זייער סוף.
נאָך אַ רגע,
נאָך,
און
מיט אַ מאָל —
אַ נאָמען הייליק־אויסגעשמידט פון אַלטן גאָלד:
י ה ו אָ ש.
און שוין פאַרגייט מיט קאַרשנבליטן
דער פאַרשמאַכטער טרויער.
קוואַלן בלאָ, מיט זונען אויף די דעקן,
שנירלען זיך פאַרביי די נאַכטיק־פלאַטערדיקע שויבן
און וואַרטן מע זאָל עפענען.
און אַנשטאָט גרוב און קעלער —
טורעמט צווישן צעדערן אַ טעמפּל
מיט זיילן אויסגעקנאָטענע
אוים דעם געביין פון דורות. — — —

---

* געשריבן צו די יהואש־פייערונגען אין ווילנער געטאָ.

סאַראַ מאַכטיק־אויפגעוואַכטער יום־טוב !
סאַראַ ליכטיק־ריכטיקע דערקענטשאַפט !
יעדער פון די גוססדיקע קינדער אין די ווינקלען —
איז איצט פאַרוואַנדלט אין אַ יונגן נביא,
געוואַשן אינעם ערשטן טוי
פון שנייאיק־ווייסע רויזן.
און אויף די ליפּן —
בענטשונג און נבואה,
איינגעוועבט מיט זעונגען
פון אויסגעלייזטער פרייד,
פון יובלדיקן פאָלק.

דער טויט אַליין דערשרעקט זיך פאַר דער שיינקייט,
און טרייבט אַוועק צוריק
זיין בלאַטיק־רויכערדיקן קעסל — — — — —

ווילנער געטאָ, 6טן אַפּריל 1943

פאַר נאַכט

זיי ציען זיך, שאַרן אין רייען, אין פאַלקן,
איך זע מער ניט קיינעם, נאָר פיל זייער גאַנג.
ווי פייגל אין פלאַטער פון הינטער אַ וואָלקן —
געשטאַלט נאָך געשטאַלט מיט באַזונדערן קלאַנג.

דורך מיר, דורך מיין דמיון זיי ציען זיך אַלע,
און יעדער געפינט דאָרט זיין חלום און — זיך.
עס ווערט מיר אין ליכט פון מיין בלינדקייט נתגלה
פון וויפל נשמות געקלעפּט איז מיין איך.

ווילנער געטאָ, 10טן יאַנואַר 1943

אַ טאָג ביי די שטורמיסטן

א

— בין איך שולדיק, דאַרף איך צאָלן שולד,
און וועמען דען, די היינטן צי אַמאָלן?
— אַלץ איינס, דו נאַר, גענוג ס'איז דאָ אַ שולד
און מעגסטו זיין אַ טעות — מוזסטו צאָלן!

— דו לאַכסט געוויס, איך בין דאָך ניט געווען
מיין פרייען ווילנס קיין באַשאַף, באַקלער נאַר!
— ניטאָ צו קלערן, פרעג ניט וואָס און ווען
און הענג ניט אָן דיין גלויבן אויף קיין דערנער.

— בין איך און גורל איינס, צי פרעמדע צוויי?
אויב צוויי — אַנטפלעק, און איך וועל אים פאַרוויסטן!
— באַשטים אַליין. מיט העל־זען פון דיין ווייַ
דערקען אים אַרום זיך — אין די שטורמיסטן.

ב

גראָב איך אַ גרוב ווי מען דאַרף, ווי מען הייסט.
זוך איך בעת־מעשה אין דר'ערד אויך אַ טרייסט.

אַ גראָב און אַ שניט און אַ ווערעמל קליין
עס צאַפּלט פון אונטן — דאָס האַרץ קען צעגיין.

צעשניידט אים מיין רידל און — וואונדער דערביי:
צעשניטענערהייט ווערן צוויי, ווערן דריי.

און ווייטער אַ שניט, ווערן דריי, ווערן פיר,
און אַלע די לעבנס באַשאַפן דורך מיר?

קומט ווידער די זון אין מיין טונקל געמיט
און אַ גלויבן נעמט שטאַרקן מיין אָרעם:

אויב אַ ווערעמל גיט זיך ניט אונטער דעם שניט,
ביסטו ווינציקער דען פון אַ וואָרעם?

ג

ניט שלאָג. סיי־ווי־סיי טוען גלידער ניט ווײ מער.
זיי געהערן ניט מיר ווי מיין נעכטיקע שעה.
עפּעס ציט מיך אַ האַנט צו אַ וועלט אַ געהיימער
וואו קיין טויט איז ניטאָ,
ניטאָ.

מיין גוף טו איך אויס ווי אַ הילע פון שטויבן.
דריי זיך ווידער אין צייט ווי אַ וועג אויף אַ ראָד.
נאָר אַלמאַי ס'איז די גרוב ניט באַצאַפּלט מיט שויבן, —
איז באמת אַ שאָד,
אַ שאָד.

ד

אַ ראַבינע פון שטורעם אויסגעריסן,
מיט הענגלעך קרעלן אויף צעלאָמטע צווייגן —
מיין גוף אין קאַלך.
ס'איז איך? וואו איז מיין איך? —
פּרוּאווט יעדער גליד
זיך אַנטאַפּן, דערפילן:
דאָ.
דאָ.
דאָ.
און איז פון שטיקלעך קוועקזילבער
וואָס לאָזן זיך ניט גאַנצן.
די וואָריקייט באַהערשט שוין ניט מיין לייב,
און טוט ניט וויי — ווי מעסערשניט אויף נעגל.
דער חלום איז שוין אמתער
און פּויקט אין קאָפּ:
דול.
דול.
און פלעקן פאַרן אויג, בלויז פלעקן,
ווי שטראַלן־הערצעלעך פון מערן.

ווי קום איך דאָ?
אַנטרונען,
ווען, פון וועמען?
און ווי אַזוי אַנטרינט מען, ווער באַפעלט?
די פייל זעט שטענדיק שאַרפער ווי דער אָדלער
כאַטש ער איז הערשער, זי — אַ קנעכט.
שאַ. לעב איבער אויף צוריק, דערמאָן זיך.
ניין, פאַרגעס.
ניין-ניין, דערמאָן זיך ווידער:
אַנטלאָפן.
דו פון טויט צו טויט פון דיר?
אַלץ איינס.
דער חוזק-מאַכער האָט זיך בלויז געשפּילט
און אָנשטאָט דיר אַ הונט אַוועקגעשאָסן.
האָרך, עס בילט דער הונט אין קאָפּ:
דול.
דול.

ה

אין דערין עס נעמט מיר עפּעס קלאָרן
ווי איך וואָלט ניי געבאָרן:
די פלעקן פאַרן אויג — אַוועק, אַוועק,
איין ווייסער פלעק
פון קאַלך צעלאָזט אין וואַסער,
וואָס זידט און זעט:
איך ליג אין אים פאַרזונקען
האַלב דערטרונקען,
און ס׳ציען זיך פון מיר אַזוינע פלייציקע רובינען,
טריפן, רינען
שורותדיק ווי לידער
און וואָרצלען איין אַ שמייכליק-ראָזן זונפאַרגאַנג אין קאַלך.

די קאַלכגרוב ווערט מיר ליב. איך ליג און טראַכט:
„אַצינד וועל איך ניט אויפהערן צו גאַפן
ביז נאַכט, ביז נאַכט,
אויפן שענסטן זונפאַרגאַנג, דורך מיר אַליין באַשאַפן!״

ווילנער געטאָ, מיי 1942

קערנדלעך ווייץ

היילן, דערלאַנגט זיך אַן עפן,
צעשפּאַלט זיך פון אונטער מיין האַק!
איידער די קויל וועט מיך טרעפן —
איך ברענג אייך מתנות אַ זאַק.

אַלטינקע, תכלתנע דפן
מיט פּורפּור אויף זילבערנע האָר,
ווערטער אויף פּאַרמעט, געשאַפן
דורך טויזנטער גרויזיקע יאָר.

ווי ביים באַשיצן אַן עופל —
איך לויף מיטן יידישן וואָרט,
נישטער אין איטלעכן הייפל,
דער גייסט זאָל ניט ווערן דערמאָרדט.

שטרעק אינעם שייטער די אָרעמס
און פריי זיך: דער עיקר איז דאָ!
מיינס איז נאָך אַמסטערדאַם, וואָרעמס,
ליוואָרנע, מאַדריד און ייוואָ.

אָ, ווי מיך פייניקט אַ שיימע
פּאַרטראָגן אין רויכיקן ווינט!
ס'וואַרגן מיך לידער געהיימע:
— באַהאַלט אונדז אין דיין לאַבירינט!

גראָב איך און פלאַנץ מאַנוסקריפּטן,
און גיט מיר דער יאוש אַ פלייץ,
קומט מיר אין זינען: עגיפּטן,
אַ מעשה מיט קערנדלעך ווייץ.

דעמלט די שטערן דערציייל איך:
אַ מאָל האָט ביים נילום געבויט
זיין פּיראַמידע אַ מלך,
צו קיניגן דאָרט נאָכן טויט.

זאָל מען אין גילדענעם אָרון
אָנשיטן, האָט ער באַפעלט,
קערנדלעך ווייץ — לזכרון
פון אונדזער, דער ערדישער וועלט.

ניין טויזנט יאָר האָבן זונען
געביטן אין מדבר דעם גאַנג,
ביז מ׳האָט די קערנער געפונען
אין דער פּיראַמידע ניט לאַנג.

ניין טויזנט יאָר שוין פאַרגאַנגען!
נאָר ווען מ׳האָט די קערנער פאַרזייט, —
האָבן אין זוניקע זאַנגען
צעבליט זיך אַ בייט נאָך אַ בייט.

— — — — — — — — — — —

אפשר אויך וועלן די ווערטער
דערוואַרטן זיך ווען אויף דעם ליכט —
וועלן אין שעה אין באַשערטער
צעבליען זיך אויך אומגעריכט?

און ווי דער אוראַלטער קערן
וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין זאַנג, —
וועלן די ווערטער אויך נערן,
וועלן די ווערטער געהערן
דעם פאָלק, אין זיין אייביקן גאַנג.

ווילנער געטאָ, מאַרץ 1943

עס פליט אַריין אַ פלאַטערל

עס פליט אַריין אַ פלאַטערל
פון ערגעץ העט, פון אויבן,
און עפנט אַ טעאַטערל
אין אויסגעהאַקטע שויבן.

דאָס פלאַטערל — געווען אַ מאָל
אַ וואָרעם אונטער שטיינער.
אַצינדער זע דאָס פּנימל —
ניטאָ נאָך אַזאַ איינער.

די קינדער, די פאַרריגלטע
און צווישן ווענט באַהאַלטן —
זיי וואַכן אויף באַפליגלטע
פון שטיקעדיקע שפּאַלטן.

דאָס פלאַטערל אַ גילדערן
עס מורמלט: שטילינק, שטילינק.
נאָר קינדער שפרינגען, פילדערן:
עס איז אַריין דער פרילינג!

און מער ניט קיין געבויגענע
זיי ציען זיך אים פאַנגען.
זיי לויפן רעגן־בויגענע
מיט הענטלעך אים דערלאַנגען.

דאָס פלאַטערל, דאָס פלאַטערל
מיט גאָלד באַצירט די חורבות. —
אַ כּישופדיק טעאַטערל
עס שפּילט צו דער נאַטור וואָס.

און ווי עס שפּילט — באַגראָזן זיך
די אָפּגעברענטע בייטן.
און יונגע ווינטלעך לאָזן זיך
אַ בעזן־ריח שפּרייטן.

דער אָפּגעדאַרטער קאַרשנבוים
ער ווערט אַ „מענטש" ווי אַלע.
ער ווערט אַליין זיין ־ירשנבוים
אין ווייסן, ווי אַ כלה.

דאָס פּלאַטערל, דאָס פרילינגל
נעמט זינגען ווי אַ פויגל.
עס בליט אַ בלויאינק בלילינגל
ביי איטלעכן אין אויגל.

נאָר אומגעריכט דאָס פּלאַטערל
פאַרפליט אַהינטער דראָטן.
עס לעשט זיך דאָס טעאַטערל,
פאַריתומט בלייבט דער שאָטן.

און אויף דער דראָט — באַהאַנגענע
עס בלוטיקן די קינדער.
ווי פּלאַטערלעך געפאַנגענע
זיי ראַנגלען זיך אַצינדער.

ווילנער געטאָ, 5טן מיי 1943

דער דיכטער

ער איז געלעגן אונטער טויזנט גופן,
מיט היימן טריוואקס אויפן קאַלטן אָטעם.
האָט מיט אַ מאָל אַ ניגון אים גערופן
און דורכגעגליט דאָס האַרץ ווי אַ געבאָט אים.

דאָס האָט זיין ניט געבוירן ליד זיין היטער
געמאָנט, געמאָנט פון חלום-לאַנדס געוועבן:
— „שטיי אויף, דו ביסט מיין האַר און מיין געביטער,
אַ, ווער אָן דיר וועט ברענגען מיך צום לעבן?"

און ווי עס איז דערגאַנגען צו דעם דיכטער
דער אונטערקלאַנג פון ווערטער, שורות, גראַמען,
האָט אים באַקרוינט אַ טוי אין זיבן ליכטער:
— „דערוואַך! ווי טאָר אַן אויסלייזער פאַרזאַמען!"

די טויזנט גופן ווי פאַרפלייצטע זאַנגען
זיי האָבן זיך צעשפּאָלטן אויפגערירטע,
און ער איז פון דער אונטערערד געגאַנגען
אַ נאַקעטער און אויפן שלייף אַ מירטע.

זיין הויט — ווי רויטער ווייַנטרויב קעגן פייער —
האָט ראָז באַמאָלט די וואָלקנדלעך אין הימל.
נאָר אויף די הענט, אין ליבשאַפט אין געטרייער —
עס צוקט אַ מיידל איינגעוועבט אין דרימל.

אַ שנירל געלינק זאַמד און ניט קיין פּערל
האָט פון איר האַלדז געפינקלט זון אַנטקעגן.
און צווישן צאַרטע וויעס האָט אַ טרערל
די פליגעלעך צעפּאַכט — זיך צו באַוועגן.

נאָר ער האָט אַלץ געמיינט — דאָס איז דער ניגון.
און אָט דער ניגון איצטער בלוט און פלייש איז.
האָט ער גענומען שטאַרקער אים צעוויגן,
און ס'האָט באַגאַרטלט זיי אַ ווינט פון בראשית.

ילנער געטאָ, 12טן אויגוסט 1943

אויפֿן טויט פֿון יעקב גערשטיין *

מיר האָבן שוין אַדורכגעזשאַווערט אַלע זיבן טויטן,
און זעען ניט דערפֿאַר די שווערד, וואָס פֿאָכעט נאָך צוקאָפּנס.
און אַלע אונדזערע געפֿילן זענען ליכט אָן קנויטן,
וואָס קענען זיך ניט אָנכאַפּן, — נאָר שמעלצן זיך אין טראָפּנס.

נאָר גלייך עס וואָלטן פּלוצעם ווענט אונדז אָפּגעשיט מיט ציגל,
האָבן מיר זיך אויפֿגעוועקט בשעת דו ביסט אַנטשלאָפֿן,
און קלאָר דערזען דאָס פּנים פֿונעם ווייטיק ווי אין שפּיגל,
די שרפֿעדיקע לאַטעוואונד, אָן הילע, נאַקעט, אָפֿן.

אין איינעם האָבן מיר געוועבט דעם אויפֿשטאַנד פֿון די טענער,
אין איינעם אָפֿט געפֿאַלן אונטער געטאָדיקע האָרבן;
און אַלץ האָט זיך געדאַכט, אַז דו, דער שטאָלצסטער פֿון די מענער,
וועסט בייקומען די שונאים — נאָר דו ביסט פֿאַרבליבן קרבן.

און מיר, וואָס גוססן נאָך אַלץ געבויגן אַרום אָרון,
פֿאַרנעמען, ווי דיין איינגעקלעמטער שווייגן מאַכט אונדז פֿעסטער.
מיר וועלן היטן טריי אין אונדזער האַרצן אָט דעם צאָרן,
ווי טריי דיך האָט געהיט דיין טרייע שוועסטער.

ווען ס'וואָלט דיין שיינער קאָפּ געפֿאַלן אין אַ צייט אַן אַנדער —
וואָלטן מיר דיין בלומען־גוף געטראָגן צו פֿאַרזייען;
און ווי דער וואַנדער פֿון מוזיק — אַזוי דיין לעצטער וואַנדער
באַגלייט פֿון קינדער גאַנצענע אַרמייען.

איצט קענען מיר אַפֿילו ניט באַגלייטן דיין געביין מער,
און ניט קיין וואָרט דיר מיטגעבן, וואָס זאָל באַלייכטן יאָרן.
דו איילסט אַליין, וואו דיינע זינגער ליגן אונטער ביימער,
און מיר פֿאַרבלייבן דאָ, און אָטעמען דיין צאָרן.

ווילנער געטאָ, 28סטן סעפּטעמבער 1942

---

* אַ באַוואוסטער ווילנער לערער, מוזיקער און געזעלשאַפֿטלעכער טוער, געשטאָרבן אין ווילנער געטאָ.

פון אַ פאַרלוירענער פּאָעמע

מאַמע,
כ׳בין קראַנק.
מיין נשמה איז קרעציק.
און אפשר נאָך מער:
ס׳איז אַ געלער שגעון.
און דער זאַלב פון דיין קוש
איז צו הייליק, ער זאָל
מיר באַהויכן צו מאָל
מיינע וואונדיקע דנאָען.

נאָר אויב דאָס איז וואָר,
אַז דו ליבסט מיך ווי שטענדיק
דעם צווייטן נאָך גאָט —
איז מיין לעצטער געבעט און געבאָט:
— דערשטיק מיך!
דערשטיק מיט די מאַמישע פינגער
וואָס האָבן געשפּילט
אויף מיין ווערבענעם וויגל.

ווער מיינען:
דיין ליבשאַפט איז שטאַרק ווי דער טויט.
ווער מיינען:
דו האָסט מיר דיין ליבשאַפט פאַרטרויט.
און איך וועל פאַרקערן
אין איידער-מיין-ווערן
און זיין און ניט זיין
ווי אַ שטערן
אין וואַסער.

ווילנער געטאָ

אונטער דיינע ווייסע שטערן

אונטער דיינע ווייסע שטערן
שטרעק צו מיר דיין ווייסע האַנט.
מיינע ווערטער זענען טרערן
ווילן רוען אין דיין האַנט.
זע, עס טונקלט זייער פינקל
אין מיין קעלערדיקן בליק.
און איך האָב גאָרניט קיין ווינקל
זיי צו שענקען דיר צוריק.

און איך וויל דאָך, גאָט געטרייער,
דיר פאַרטרויען מיין פאַרמעג.
ווייל עס מאָנט אין מיר אַ פייער
און אין פייער — מיינע טעג.
נאָר אין קעלערן און לעכער
וויינט די מערדערישע רו.
לויף איך העכער, איבער דעכער
און איך זוך: וואו ביסטו, וואו?

נעמען יאָגן מיך משונה
טרעפ און הויפן מיט געוואָי.
הענג איך — אַ געפּלאַצטע סטרונע
און איך זינג צו דיר אַזוי:
אונטער דיינע ווייסע שטערן
שטרעק צו מיר דיין ווייסע האַנט.
מיינע ווערטער זענען טרערן
ווילן רוען אין דיין האַנט.

ווילנער געטאָ, 1943

ווי צוויי עקן פון אַ רעגן־בויגן

מיר זענען ווייט.
דער שטח צווישן אונדז —
דאָס איז מיין בענקשאַפט.
וויפל שרפות, אומגליקן, מגפות,
מיען זיך מיין בענקשאַפט צו פאַרשלינגען!
נאָר זי לעבט.
פאַרשטיקט אין גרוב —
זי לעבט.
און ווי צוויי עקן פון אַ רעגן־בויגן,
פאַרקניפּט זי אונדז
פוןביידע זייטן וועלט.

מיר זענען ווייט.
און ווי אין טויטשרעק ווערן פּלוצעם גראָ
די יונגע האָר —
איז גראָ געוואָרן מיין געזאַנג
וואָס האָט געשפּריצט מיט פאַרבן;
נאָר דו, פאַרשליידערט הינטער זיבן בערג, —
ביסט דער טוי וואו ס׳קרייצן זיך די שטראַלן פון מיין לעבן,
און שלאָגן אָפּ צוריק אַהער אין חורבה
און ווערן ברויט מיט וואַסער פאַר מיין גייסט.

איך טרינק זיך אין מיין בענקשאַפט
ווי אין אַ טייך מיט בלוט.
און דו ביסט מיר דער שטערנזאַמד פון באָדן
וואוהין עס וואָרצלען, ציען מיינע דאָרשטיקע שפּיצפינגער.
איך וויים,
ווען ניט מיין זיכערקייט אַז יעדער מיין באַוועגונג
שלאָגט זיך אָפּ אָן דיינער
ווי אַ כוואַליע אָן אַ כוואַליע, —
ווען ניט מיין גלויבן אַז איך בין אין דיר
ווי דו אין מיר, —
וואָלט שוין לאַנג פאַרשלונגען מיך דער אָפּגרונט.

נאָר מיט דיר,
כאַטש ווייט פון דיר,
מיט דיר, —
ווער קען מיר פאַרבאָטן טראַכטן, זינגען,
אַז דו, מיין ווייטער פריינד,
ביסט איצט דער קערן פון מיין וואָרט.
און אין דיין וואָרט,
(וואָס איך נעם אָן פאַר מיינס)
בליט אַ גרינע פרילינגדיקע שטאָט, —
און ביידע שפּרייזן מיר דער שטאָט אַנטקעגן,
באַגלייט פון אַ מאַראַנצן-בוים
אין אָוונטדיקער זון.

ווילנער געטאָ, 1טן יולי 1943

צוויי סטראָפעס

א

ניט זאָג: די צייט איז שולדיק. צייט איז בלויז אַ שפּיגל,
צעשפּליטערסט זי אין טעג און נעכט און אייביק בלייבט זי גאַנץ.
אין איינעם אַזאַ שפּליטער נאָך צאַנקט דיין גרינע וויגל,
און גראָע האָר שוין בליען אין אַ צווייטנס גלאַנץ.

ב

דערפֿאַר ווייל ס׳ברענגט די ערד אויף פֿאַר דעם רשע עפּל —
איז ניט צו מוחל זיין דער אומגערעכטער ערד.
און שולדיק איז די שווערד, וואָס בלאַנקעט אין אַ נעפּל
ווען אומגליק איז געקומען פֿריער ווי די שווערד.

ווילנער געטאָ, 10טן מאַרץ 1943

פאַרברענטע פערל

ניט דערפאַר ווייל מיינע ווערטער וואַרפן זיך
גלייך ווי הענט צעבראָכענע נאָך רעטונג,
ניט דערפאַר, ווייל ציינערדיק זיי שאַרפן זיך
צו אַ לייב אין פינצטערניש, — נאָך זעטונג, —
בלאָזסטו אויף די קוילן פון מיין גרימצאָרן,
דו געשריבן וואָרט, — מיין וועלטס פאַרבייטער ;
נאָר דערפאַר, ווייל דיינע קלאַנגען גלימצערן
ווי פאַרברענטע פערל
נאָך אַן אויסגעצאַנקטן שייטער,
און קיינער — אויך ניט איך — דורך טעג צעריבענער,
דערקענט שוין ניט די פרוי אין פלאַם געוואַשן,
וואָס פון אַלע פריידן איז געבליבן איר
גראָ־פאַרברענטע פערל אין די אַשן — —

ווילנער געטאָ, 28סטן יולי 1943

די יונגע מאַמע

אַז פון גאַרער וועלט איז איר פאַרבליבן,
בלויז איר קינדס אַ ליאַלקע און ניט מער —
ווען זאָל די יונגע מאַמע ליבן,
וועמען וועט איר אַן ענטפער געבן, ווער?

האַקט זי צו די טיר אויף שלאָס און ריגל
און ווי פריער לייגט זי איצט אויף ס'ניי
אין דעם פוסטן, פוסטן, פוסטן וויגל
דאָס פאַרגאַפטע קינד פון פאַרצעליי.

ווענט און באַלקן גלימצערן אין פרירונג,
אינעם פענצטער שטעקט אַ בינטל שטרוי, —
טוט זי אָן אַ שמייכל ווי אַ צירונג
אויך דאָס קינד זאָל מיטשמייכלען אַזוי.

נאָר די ליאַלקע וויינט. מע האָט איר חלום
צוגערויבט פון אויסגעשטרעקטע הענט.
איז זי קראַנק געוואָרן חס ושלום?
וויי מיר, ווי דאָס שטערנדל איר ברענט!

וויקלען מאַמעס ליפּן איין דעם שטערן:
— „ניטע, ניטע חנהלע, ניט וויין,
ווייל אַ וואָלף אַ בייזער קען דערהערן.״
און די טרערן ווערגן זי אַליין.

טוט די מאַמע חנהלען שוין לייגן
צו דער זיסער ברוסט און וויגט זי צו
און זי גיט דער ליאַלקע אויך צו זייגן:
— „איילעליו, מיין לעבן, איילעליו.״

און די ליאַלקע זייגט. עס גיט אַ בלייכל
אויף די ליפּלעך בלעזלדיקער שוים,
און פאַרדרעמלט איינגעוויגט אין שמייכל,
בלויז די וויעס ציטערן קוים־קוים.

דרעמלט אויך די מאַמע ביי איר שענסטער.
אָבער פּלוצעם וועקט זי אַ געשריי:
מער ניטאָ דאָס בינטל שטרוי אין פענצטער,
און ווי שטערן פאַלט אַריין אַ שניי.

וילנע, אויגוסט 1944

דער נביא

געהייליקט דעם אָנדענק פון ז. קלמנאָוויטש

א

און דער, וואָס נביא רופט מען אים, דער שכן מיינער, נעמט
זיין טלית און ער זאָגט צום יתום: „ניי פון דעם אַ העמד

און טו עס אָן און לעב און קוק אָן מורא אויף דער וועלט, —
ווייל שפינוועבס איז די וואַנט, וואָס האָט דיין מאַכטיקייט
פאַרשטעלט.“

און ווי אַ גראָער אָדלער גיט דער נביא זיך אַ ריס
צו דעם וואָס ליגט דערהרגעט און ער קניט פאַר זיינע פיס:

„מיין ברודער, זאָלסט דערציילן די קרבנות פון דער שטאָט —
זי טראָגט זיך, די נקמה, — אונדזער שטורעמדיקער גאָט!“

און ווי אַ שטיין וואָס פאַלט אין טייך און רודערט אויף אַ קרייז, —
אַזוי ווערט איינגעזונקען יעדער פּנים ביי דעם גרייז.

און ווער עס האָט געזאָגט: „משוגע“, ווער עס האָט געלאַכט
ווען איין מאָל האָט דער נביא זיך צעזונגען אין דער נאַכט, —

נאָר ער האָט מיר געגעבן פונעם זינגען דעם באַשייד:
„זי טראָגט זיך די נקמה, איך באַגעגן זי מיט פרייד.“

ב

אחי האָט ער אין שולהויף צום המון
געצאָרנט:
געפאַלן איז אין רינשטאָק אייער קרוין,
ווי האָט איר זי באַוואָרנט?

גייט לערנט זיך ביי די, וואָס ניט ביים זין, —
די דולע,
אויף הקדש־גאַס אין תפיסה. גייט אַהין,
איר טרוימער פון גאולה!

אַ קופּע משוגעים — איין פאַרקנויל,
איין פּנים
האָט דאָרט געגליט אין פינצטערניש, ווי קויל, —
אויף חוזק פון די שונאים.

פאַרשפּאַרט אַ וואָך, אַ צווייטע, אָן אַ פונק
מיט גנאָדן.
און ווען זיי טוען אייזוואַסער אַ טרונק —
וואָלט גלייך זיך עס צעזאָדן.

זיי האָבן ניט געקענט שוין ריידן, גיין.
ווי חיות
געגריזשעט פאַרן שטאַרבן זיך אַליין
מיט קופּערנע העוויות.

נאָר ווען דער שונא איז אַריין אין צעל,
„באַקוקן" —
זיי האָבן אַלע, ווי נאָך אַ באַפעל,
געטאָן אַ שפּרונג, מסוכן —

און אים געטייט! ווי מע צעטרעט אין גאַס
אַ וואָרעם.
ווייל שכל האָט געהאַט די משוגעת,
באַפליגלט זייער אָרעם.

נאָר איר, די קלוגע, ווי די קעלבער גייט,
איר קלוגע.
און די, וואָס האָבן אונדזער פיינד געטייט —
זיי רופט איר אָן: משוגע.

ג

און די, וואָס גליווערן פאַרלאָשן,
און קיינער הערט ניט זייער קול —
זיי האָבן מיר געגעבן לשון
ווי שנייאיק־אָנגעגליטן שטאָל.
אַזוי דערצייל אין אונדזער נאָמען
די מענטשנקינדער אויבן, דאָרט —
און זאָל זיך שטורמיק פאַרנשמהן
אין זייער טיפעניש דאָס וואָרט:

הערט אויס, איר לעבעדיקע ברידער,
די אויסגעמאָרדטע לעבן אייך.
אין אייערע געבייטשטע גלידער
איז איינגעקלונגען זייער הויך.
אין איטלעכן פון אייך — פאַרזונקען
איז אויך אַ פונק פון זייער גייסט.
נאָר מערקן מערקט איר ניט די פונקען
און ווי איר ווערט דורך זיי געשפייזט.

עס איז קיין ווייניש ניט נייטיק
און ניט קיין וואָלקנדיקע רייד.
אַנשטאָט צו ווייטיקן דעם ווייטיק —
באַפאַנצערט זיך אויף ס'ניי מיט פרייד.
און בויט, ווי איר וואָלט ערשט געבאָרן,
ווי ס'אומגליק איז דאָ גאָרניט שייך.
און זיי, די היטער פון זכרון —
זיי וועלן מיטבויען מיט אייך.

ד

ער איז געווען דער בראַנדז־געשמידטער טויער
וואָס האָט פּאַרטיידיקט ס׳לעצטע קינד אין פעסטונג.
און ווען אַ שפּיז האָט דורכגעהאַקט זיין ברוסט
און פונק אַנטקעגן פונק האָט זיך געלאָשן, —
איז ער געבליבן הענגען אין אַריינגאַנג
פאַרעקשנט ווי אַ פעלדז אַריבער אָפּגרונט
און אויך אַצינד ניט צוגעלאָזן קיינעם.

נאָר אַז פון די צעפּראַלטע אַמבראַזורן
האָט ווי מוראַשקע־שטראָמען שוואַרץ געריזלט
צעזאָדן בלוט אויף וואַקלדיקע ווענט —
און דאָס געוויין פון קינד האָט זיך געצאַפּלט
און אויסגעגאַנגען ווי אַ זומער־פאָדעם —
אָט דעמאָלט איז געפאַלן אויך דער נביא
און מיטגעשלעפּט מיט זיך אַ פליגל פעסטונג.

און ווי ער איז געלעגן — ערשט אַ שפּאַרבער
האָט דריי מאָל אים אַרומגעקרייזט, גענידערט,
און מיטן שפּיציק אָנגעגליטן שנאָבל
גענומען פּיקן די פאַרנעצטע אויגן.

און איך, וואָס בין געווען דערפון דער עדות,
און האָב געאײַלט צום אָפּיאָגן דעם שפּאַרבער —
געזען האָב איך אַזוינס: אין שאַרפן שנאָבל
געפינקלט האָט דעם נביאס גרויסע אויג;
און ווי כ׳האָב זיך דערנענטערט, האָט דער פויגל
אַ שניט געטאָן דריי צויבערקרייזן ווידער
און ס׳אויג איז גלייך אין מיינס אַריינגעפאַלן
ווי ס׳פאַלט אַריין אַ זונענשטראַל אין וואַסער.

ווילנער געטאָ — מאָסקווע, 1943 — 1944

זאַנגען

צוויי יאָר האָב איך געבענקט נאָך זאַנגען,
שטילע זאַנגען אויף אַ היימיש פעלד.
ווען איך האָב זיך געראַנגלט אין די צוואַנגען,
וואָס האָבן מיך געפאַנגען
און פאַרשטעלט,
דעם וועג,
דעם גרינעם וועג צו יענע זאַנגען. —
אָבער ניט די זאַנגען אויפן פעלד.

און ווען מיין אָטעם האָט צעשמעלצט די צוואַנגען —
אַ ווינט האָט אין די אָדערן
געטאָן אַ פייף, אַ רוף:
— „שטיי אויף, בן אָדם, צייטיק שוין די זאַנגען.
געגליכן איז שוין צו אַ זאַנג דיין גוף."
און איך בין, ווי דער גורל גייט, געגאַנגען
דורך פאַרבערנטע שטעט
נאָך יענעם רוף.

נאָר ווען איך בין דורך זונפאַרגאַנג אַ מידער
געקומען צו מיין אויסגעבענקטן פעלד —
ערשט עס ליגן דאָרטן מיינע ברידער
אויסגעקוילעט איבער גאָרן פעלד.
און די זאַנגען, מיט צעגליטע שטעכער,
אָדורכגעוואַקסן זענען שיכט נאָך שיכט
דורך שאַרבנס, ריפּן,
און זיי שטייגן העכער, העכער, העכער,
צו דער זון, וואָס קלייבט צונויף איר ליכט,
ווי איין זאַנג וואָלט די צווייטע בחפזון
געוואָלט אַריבערשטייגן אין איר גאַנג.

און אָט אַ זאַנג
האָט וואָגלען זיך געלאָזן
דורך אַ מויל מיט אויפגעדריקטע ציין !
און זאַנגען צוויי אַדורך די אַקסלען קריכן.
און אָט אַ זאַנג וואָס זוכט וואוהין צו גיין,
און צו אַ האַנט פון דר'ערד איז זי געגליכן.
און אַ קאָרנבלימל דורך אַן אויג, ווי אַ געוויין — — —

וואָס זע איך איצט אין אָוונטשיין צעגליטער ?
איך זע אַ פעלד מיט זאַנגען בלוטיק רויט.
אַלץ נעענטער צו מיר עס איילט אַ שניטער
און שניידט דאָס נאָכמלחמהדיקע ברויט.

נאַראָטשער וועלדער, סעפטעמבער 1943

די וועלפּיכע

אין די נאַראָטשער וועלדער די אייזיקע,
לעבט אַ וועלפּיכע, לעבט זיך אַליין.
אונטער פעל, שוין צעריסענע, גרייזיקע,
ווי אַ בליצן־געוועב, איר געביין.

אין געראַנגל אַ מאָל האָט די וועלפּיכע
אָנגעוואוירן איר וואָלפיש געזינד.
זי פאַרמאָגט ניט קיין העלפער, קיין העלפיכע,
אַ שוואַרצאַפּל — צעשאָסן און בלינד.

איז געשען: אין אַ נאַכט אַ טייוולאָנישער
פונעם יאָר ניינצן פערציק און צוויי, —
ביי איר נאָרע, אין שיין אין לבנהשער
ליגט אַ מענטשעלע, דרעמלט אין שניי.

ס'איז דאָס מענטשעלע באָרוועס, קוים לעבעדיק
דאָ אַנטרונען ביים זוכן אַ שוץ.
און עס חלומט, אין צויבערלאַנד שוועבנדיק,
פון אַן ערגעץ פאַראַנענעם גוטס.

ברענגט די וועלפּיכע צאַרט אים אין הייל אַריין,
ווייל זי הערט דעם פאַרפרוירענעם רוף.
און זי ווערט אים אַ מאַמע, אַ היילעריין,
מיטן אָטעם דערוואַרעמט זיין גוף.

אויפן לשון פון גליקלעכער וואָיעניש
ריידן חיה און מענטש זיך צוזאַם.
און די וועלפּיכע טאַנצט פאַר הנאהניש
עלעהיי — ער איז איינער פון שטאַם.

און אַלץ מער ווערט פאַרוועלפּלט דאָס מענטשעלע,
ווייל באַפרייט פון דער מענטשלעכער שפּאָט.
אין אַ האָריקן, וואַרעמען פרענטשעלע
טוט עס תּפילה צום וואָלפישן גאָט.

נאָר דער שטאָלענער האַר דער פאַרשאָלטענער
ער געדענקט אָן זיין קרבן, ווי דען?
און ער איילט דורך די וואַלדיקע קאָלטענער
נאָך די צייכנס אין שניי, אים צו זען.

ווערט די וועלפּיכע גרין פאַר באַליידיקונג,
און באַפּאַנצערט איר שכן אין הייל.
ביז אַ קויל האַקט אַדורך איר פאַרטיידיקונג,
אַקוראַט ווי איך שרייב און דערצייל.

1946

די בריק

ניט פון מירמל רויט געאָדערט,
ניט פון בראָנדז-גערדרייטע שטריק,
ניט פון אייזן ווי עס פאָדערט
האָבן מיר געבויט די בריק.

ביז די אַקסלען אין די זומפּן,
מיט צונויפגעשמידטע הענט,
האָבן ברידער זיך פאַרשרומפּן
און פאַרלייגט אַ פונדאַמענט.

און אויף אים אַ שיכט אַ צווייטער
מיט פאַרפּעכיקטן געניק.
ווי די שטאַפּלען פון אַ לייטער
האָט געפורעמט זיך די בריק.

ביז צונויפגעהעפט מיט נאָגל
האָט אַ לייב זיך צו אַ לייב, —
אַך, צעגאַנגען איז דער האָגל
אויפן אָנגעגליטן לייב!

יעדער גוף האָט ווי אַ פאַקל
זיך געטאָפּלט אין טשערעט.
אָן אַ קרעכצן, אָן שום וואַקל,
זיך פאַרשמאָלצן און פאַרקנעט.

ווען די בריק איז שוין געהאַנגען
ווי אַ רעגן-בויגן לאַנג,
זענען איבער איר געגאַנגען
מיט פאַרטייעטן געזאַנג

שורות מורדים, מיידלעך, ייִנגלעך,
דורכגעגליט מיט איין באַגער.
מיט די פינגער אויף די ציינגלעך
פון באַרעגנטן געווער.

אויך אַ פערד האָט זיך געצויגן
מיט עקשנותדיקע טריט.
נאָר די בריק האָט אומגעבויגן
בלויז מיט פונקען זיך באַשיט!

אויגוסט 1944

סובאַטש־גאַס צוואַנציק *

געהייליקט די דריי מאַרטירער פון ווילנער געטאָ:
יאַנקל קאַפּלאַן, אַסיע ביג און אַברהם כוואָיניק

וואו איז דער בוים?
איך בין געגאַנגען זען דעם בוים פאַרוואַנדלטן אין תליה,
אויף סובאַטש־גאַס, אַנטקעגן מאַנאַסטיר, אַהינטער צוים,
און אונטער מיר די ערד האָט זיך געבראָכן ווי אַ קריע.

אין יעדער סקריפּ
אויף בלאַנקן שניי, — עס קרעכצט אַ צווייג מיט לעבעדיקע בליטן.
„כאַטש זען דעם בוים!" האָט אַ פאַרלאַנג אַרויסגעגליט פון ליפּ.
און קאַלטער, אַנגעשלייפטער ווינט האָט מיין געדאַנק צעשניטן.

עס טוט אַ שלאָג
מיט פראַסטיק בלאָען גאָלד פון הויכן אַנגעשלייפטן צלם.
איך קום אַריין אין ברייטן הויף צוזאַמען מיטן טאָג,
דער טאָג פאַרבלייבט מיט מיר, און וואָס ער ווייס ניט — איך
דערצייל אים.

טשיריק, טשיראַך...
אַ ווינטער־פויגל זעגט די לופט, און ווען ער ענדיקט זעגן —
דערזע איך ווי עס האַקט אַ קלאָץ אַן אַלטינקער מאָנאַך.
— „גאָט העלף! דאָ איז געווען אַ בוים, וואו איז ער?" — פּרואוו
איך פרעגן.

ער טוט אַ בליק
ווי פון דער הייך דער צלם און זיין האַק מיט דעם באַשטראַלט ער.
— „אָט איז דער בוים — באַווייזט ער מיר אַ צווייג, אַ לעצטע שטיק.
נאָר קום אַ שמועס טאָן אין שטוב" — זאָגט פריינדלעך מיר דער אַלטער.

אַ שווערע טיר
באַליגט מיט שטאַנגען קופּער טוט אין האַלבראָד זיך אַן עפן.
ער ברענגט מיך אין אַ שטיינעריקער צעל פון מאַנאַסטיר,
מיט זיכערקייט, אַז דאָ וועל איך די זוכונג מיינע טרעפן.

---

* דער פּלאַץ ביים ראַסע־מאַנאַסטיר וואו עס זענען צונויפגעטריבן געוואָרן די לעצטע יידן פון ווילנער געטאָ. פון דאַנען האָט מען זיי דעם 24סטן סעפּטעמבער 1943 פונאַנדערגעשיקט אויף אומקום אין פאַרשיידענע לאַגערן. אויף דעם זעלבן פּלאַץ, פאַר די אויגן פון דער פאַר־פייניקטער עדה, האָט מען אויפגעהאַנגען די דריי העלדן.

און זײַט בײַ זײַט
מיר זעצן זיך אויף ראַנד פון בעט, בײַם אײַוועלע אין ווינקל,
און ווי אַ קרבן גיט ער אָפּ אַ שײַטל נאָך אַ שײַט,
ביז גאָר די פּוסטקײַט ווערט פאַרפולט מיט כּישופדיקן פינקל.

ווי בלײַ, ווי בלײַ,
צעגײען אין די קנאַקנדיקע פלאַמען מײַנע ווערטער:
— „מאַנאַך, אויף צווײַגן פון דעם בוים האָט מען געהאַנגען ד ר ײַ,
חברים מײַנע דרײַ, און איך געקאָנט וואָלט זײַן אַ פערטער!״

— „אין יענער צײַט,״
זאָגט דער מאַנאַך, „האָב איך זיך אין אַ קבר אויסבאַהאַלטן.״
און ווי אַ קרבן גיט ער אָפּ אַ שײַטל נאָך אַ שײַט,
ביז איך דערזע אין פײַער די פאַרפּײַניקטע געשטאַלטן.

פאַרוים — איז ער!
אַן אויסשטראַל פון די וואַלקנדיקע געסלעך — יאַנקל קאַפּלאַן,
פון לינקס — אַברם, אין האַנט אין דער צעבראָכענער — געווער.
און רעכטס — דאָס מײדל אַסיע, — פול מיט פולווער די שוואַרצאַפּלען.

און זאַלבעדריט —
זײ שאַרן זיך פאַרטײַעט דורך דעם אויסגערויבטן געטאָ
צום שטורעמפירער און זײַן וואַך. איך הער און זע די טריט,
און יעדער קויל צעבלענדט זיך אין דער נאַכט ווי אַ ראַקעטע.

אַ גאַנצער פאַלק
באַרינגלט רונד אַרום. ניטאָ קײן וועג, ניטאָ קײן קוילן.
געבונדענע מען פירט די דרײַ ווי וואַרצלען פונעם פאַלק,
וואָס אַז מען האַקט זײ אָפּ — זײ בלײַבן ערגעץ נאָך פאַרהוילן.

דער מזרח ברענט.
און לעצטע יידן טרײַבט מען אויף, צו קוקן ווי עס הענגען
די דרײַ, די דרײַ. איך וויל זײ העלפן, שטרעק אין פלאַם די הענט.
כאָטש קײן ישועה וועל איך זײ שוין מער ניט קאָנען ברענגען.

און ווי אַ תהום
צעעפֿנט זיך די לופֿט. זיי נעמען שטייגן, שטייגן, שטייגן,
און יאַנקל זינגט, עס זינגט דאָס בלאָנדע מיידל, אויך אברם,
און איך דערזינג דאָס ליד וואָס בלייבט געהאַנגען אויף די צווייגן.

עס צאַנקט דער פּלאַם.
עס ווישט די טרערן דער מאָנאַך וואָס הויקערט זיך דערנעבן.
און איך שלינג איין אַ הייסע קויל פֿון אָפּגעברענטן שטאַם,
און גלייב: זי וועט אַרויסבליען פֿון זיך דעם בוים פֿון לעבן.

ווילנע, דעצעמבער 1944

דאָס מיידל פון וואַלד

און קיינער קען דעם סוד ניט לייזן:
ווער איז דאָס מיידל, ווי זי הייסט?
זי קומט אין געטאָהאַרבסט אין בייזן
און שפּרייט נקמה־ריח, טרייסט.
און ווי דעם פרילינגס גרינעם האָרן
דערהערן גראָזן אונטער אייז —
דערהערט מען, איינגעשמידט אין צאָרן,
דעם אויסלייז־ניגון פון איר שפּרייז.

אַ מאָל די לאָקן בלאָנד געפאָרבן
ווי אַ געליבטע פון אַ קאַט.
אַ מאָל צונויפגעדרייט, פאַרהאָרבן,
אַ מאָל פאַרשטעלט פאַר אַ סאָלדאַט.
אַ מאָל אין קליידער פון אַ נאָנע.
אַ מאָל אַ זשוליק מיט אַ טויב
וואָס שפּרינגט אַריבער די סכנה
און קומט פון דרויסן דורך אַ טרויב.

און קומט זי — גליווערט נאָך ווי קודם
איר מאַסקע. נאָר זי ווערט פאַרגופט
מיט יעדער הענגענדיקן בוידעם.
ווי מעסערס אָטעמט זי די לופט.
און איידער זי האָט צייט צו קלערן
איז אָנגעגרייט די צאָל. און באַלד
באַפאַנצערט מיט אַזוי פיל שטערן
זי פירט אַרויס און ברענגט אין וואַלד.

אין פרייען וואַלד עס בלייבן אַלע.
און זי — צוריק דורך זומפּ און קוסט.
אַ זעקעלע מיט ציאַנקאַלי
איז צוגעטוליעט צו איר ברוסט.
זי שנאַפּט דעם שטח מיט די נאָזלעך,
דורך גאָרער לענג פון נאַכט — איר טראַט.
און ווען די שאָטנס גליען ראָזלעך —
דורך נעפּל־פייער שווימט די שטאָט.

און ווידער — שוין אַ צווייטע, דריטע,
אַ פּויערטע פון דאָרף, צי ווער?
זי פּאַלט אַריין אין סאַמע שחיטה
אַרומגעכאַפּט דורך מיליטער.
נאָר דורך די שמוציקע קאַנאַלן
זי פירט אַ מחנה ווי אַ פאָן.
און ווען די וועלדער נעמען שטראַלן,
שוין לעבט אין זיי אַ באַטאַליאָן!

מאָסקווע, מיי 1944

ווי אַזוי ?

ווי אַזוי און מיט וואָס וועסטו פילן
דיין בעכער אין טאָג פון באַפרייונג ?
ביסטו גרייט אין דיין פרייד צו דערפילן
דיין פאַרגאַנגענקייטס פינצטערע שרייונג
וואו עס גליווערן שאַרבנס פון טעג
אין אַ תהום אָן אַ גרונט, אָן אַ דעק ?

דו וועסט זוכן אַ שליסל צו פּאַסן
פאַר דיינע פאַרהאַקטע שלעסער.
ווי ברויט וועסטו בייסן די גאַסן
און טראַכטן: דער פריער איז בעסער.
און די צייט וועט דיך עגבערן שטיל
ווי אין פויסט אַ געפאַנגענע גריל.

און ס'וועט זיין דיין זכרון געגליכן
צו אַן אַלטער פאַרשאָטענער שטאָט.
און דיין דרויסיקער בליק וועט דאָרט קריכן
ווי אַ קראָט, ווי אַ קראָט — —

ווילנער געטאָ, 14טן פעבערואַר 1943

לידער פון פאַרשאָלטענעם שמייכל

א

אַ שטים

עפּעס האָט אַ פליגלדיקס אַדורכגערוישט די הייכן
און איך האָב אַ שטרעק געטאָן אַ האַנט עס צו דערגרייכן.

האָט מיך אָנגערירט אַ שטים, אַ זומערשטים אַ שטילע:
— „ווי זשע לעבסטו איין־אַליין און רופסט מיך ניט אַפילו?

ווי ביי טאָג אַ שטערן בין איך דאָ, נאָר דו דערזעסט ניט.
און מיין נעסט איז גאָר די וועלט, נאָר דיר געפעלט די נעסט ניט."

און די שטים האָט מיט אַ שווארצן פאָדעם מיך פאַרשפּונען,
און די שטים האָט מיך פאַרטראָגן הינטער זיבן זונען, —

און זי האָט זיך דאָרט פאַרוואַנדלט אין אַזאַ מין וועזן
קיין מאָל ניט צו ווערן, ווייל ס'איז איין מאָל שוין געוועזן.

ב

די שאַרפֿע ליפּן

די שאַרפֿע ליפּן האָבן מיך געגראָבן ווי אַ רידל,
אַרויסגעגראָבן פֿון מײַן גײַסט פֿאַרשאָטענע בריליאַנטן.
און וואָלסטו ניט געאַקערט, וואָלט איך זײַן אַ שטומע פֿידל
מיט אַ קלאַנגען־ים אַן אומבאַקאַנטן.

און ניט איך וואָלט געוואוסט מײַן גרויס פֿאַרמעג
פֿאַרזיגלט אונטער יאָרנדיקע שיכטן,
און ניט איך וואָלט געזען אין זיך דעם אָפּשפּיגל פֿון טעג
ווי עס זעט אַ נאַכטיק וואַסער שווימענדיקע ליכטן.

רונד אַרום איז ערד־געטרייסל, צוגעגרייטער טרויער,
נאָר אין מיטן איז פֿאַרפֿלעקלט אונדזער טריי געצעלט.
עס האָט דײַן ליבשאַפֿט ווי אַ טויב געוואָרקעט מיר אין אויער,
„אָ, לאָמיר, אָפּגעצוימט פֿון וועלט, באַשאַפֿן דאָ אַ וועלט!"

ג

מע זוכט אונדז

מע זוכט אונדז. אַ מעסער קען זיין יעדער פּרעפּל.
די שפּירהינט ווי טריט פון אַ גרויזיקן גאָט.
נאָר ווער האָט אונדז ביידן באַשיצט מיט אַ נעפּל?
צי זעסטו דעם נעפּל? אָט וויקלט ער, אָט...

דו זעסט ניט דעם פּאַלאַץ פון גראָקייט, וואו פאַרבן
ווי קינדער דערשטיקטע פאַרזינקען אין גראָ.
מיר ליגן דאָרט ביידע ווי נאַקעטע גאַרבן,
חוץ נעפּל און ביידן — איז קיינער ניטאָ.

נאָר אין דער ניטאָקייט מיין מויל נעמט זיך קניפּן
צו פייערלעך רויטע. ערשט איצט איך באַמערק:
עס בליען פון גראָקייט אַרום דיינע ליפּן!
נאָר ווער האָט באַשאַפן דאָס פורפּלנע ווערק?

עס האָט זיי באַשאַפן דער נעפּל! און זע ווי
זיי טיילן זיך אָפּ פון די גופן אַצינד.
אַזאַ איז שוין קענטיק ביי ליפּן די טבע:
זיי ליבן בלויז אַנדערע שיכור און בלינד.

ד

בלעטלעך אַש

איך וואַרעם טיי מיט דיינע בריוו, —
מיין איינציקער פאַרמעגן,
עס בלייבן דינע בלעטלעך אַש
מיט גליוועריעס באַשפּרינקלט,
וואָס איך אַליין קען לייענען, קען פרעגן:
איך וואַרעם טיי מיט דיינע בריוו,
מיין איינציקער פאַרמעגן?

זאָל שטומער זיין דער ווינט פון אַ מצבה!
זאָל מיין שאָטן מער זיך ניט באַוועגן!
איין בלאָז —
און אַל דיין היילנדיקע שיינקייט
וועט אייפערזיכטיק מאַכן אַלע וועגן.

ווי טייער ביסטו מיר אין בלעטלעך אַש,
ווי ליכטיק שטאַרבסטו אויס אין בלעטלעך אַש,
וואָס איך אַליין קען לייענען, קען פרעגן:
איך וואַרעם טיי מיט דיינע בריוו,
מיין איינציקער פאַרמעגן?

ה

די גראָע קרוין

עס האָט ניט מער געדויערט ווי אַ פּינטל מיט די אויגן,
נאָר ס׳איז געווען גענוג די וועלט זאָל אונטערגיין. און גלייך —
האָט איבער שוואַרצע מיידלהאָר אַ גראָקייט זיך באַצויגן
ווי לייכטער וואָלקן וואָס פאַרדעקט אַ זונכוואַליע אין טייך.

דערנאָך האָט אין איר שמייכל זיך צוריק די וועלט געלייטערט,
ווען כ׳האָב געקושט איר אָקסל וואו ס׳האָט דורכגעהאַקט אַ קויל.
די טויט-ניגונים האָבן זיך געזעגנט און דערווייטערט,
נאָר מיר האָט זיך געדאַכט: עס האָט פאַרשלונגען זיי מיין מויל!

אַ שטילקייט איז געקומען, ווי פון אויסגערויבטע נעסטער,
און אין דער מיט פון שטילקייט — איז געשמידט געווען די וואָר.
ווייל ניט פאַר זיך אַליין, זי האָט געליבט פאַר אַלע שוועסטער,
ווייל „אַנדערש קען דאָך גאָרניט זיין, מיין טייערער, מיין בעסטער,
ווי ס׳קען ניט ווערן שוואַרץ די גראָע קרוין פון מיינע האָר."

ו

דער פרעמדער

וואָס יאָג איך זיך נאָך דיר אָן זינען, ווי אין יענער נאַכט
ווען דו האָסט זיך פאַרפּלאָנטערט אין די שטערן און געלאַכט ?

אַצינד וואו ביסטו ? און דיין אָטעם אויף מיין ליפּ וואו איז ?
איך בין מקנא דעם סקעלעט וואָס וואַרעמט דיינע פּים.

מיט גאַרנישט־ליפּן זייגט ער אַנשטאָט איך דיין רויטן מאָן.
מיט אומליכט־אַפּלען שמעלצט ער אויף דיין ברוסט מיין מעדאַליאָן.

און אַלץ וואָס איך האָב ניט דערצערטלט ווערט דורך אים פאַרפילט —
אַ מאָלער, ניט געזעטיקט מיט די פאַרבן פון זיין בילד.

באַליידיקט, וואָס ניט מיטגעגאַנגען איז מיט דיר מיין שפּאַן —
ביסטו זיך נוקם — צוגעאייביקט צו דעם פרעמדן מאַן.

און כאָטש עס טיילט אונדזביידן אָפּ אַ רויזנדיקער שיכט —
בין איך דיר ווייטער פאַר אַ שטערנס אויסגעלאָשן ליכט.

דיין שאָטן אָבער, וואָס ער שאַרשעט ווי דיין זיידן קלייד —
האָסטו צו מיר אַרויפגעשטראַלט. דיין שאָטן איז מיין פרייד.

ער פלייצט, דיין לעבעדיקער שאָטן איבער פרישׂ געבלים.
איך שליידער זיך אויף אים און שווים צום שמייכל אין דיין שטים.

נאָר דיך באַרירן קען איך ניט. עס גילט אויף מיר אַ שטראָף.
דער פרעמדער ווי אַ ביינעריקע שווערד באַוואַכט דיין שלאָף.

דיין איינגעשטילטן שוויגן נאָך דיין שטורמישן געשוועב.
און איך מוז ווייטער בענקען אָן אַ זין. און בענק. און לעב.

ווילנער געטאָ — מאָסקווע, 1941 — 1944

צו לייזער וואָלף

דו פּראַכטיקער שטאַמלינג פון איוב און מאָטקע חבד,
געוואַקסן אויף יידישע גאַס, אויף אַן ערדענעם טויער, —
ווער האָט דיך פאַרטוויזנטאייננאַכטיקט אין העק אַשכאַבאַד,
פאַרהונגערט מיט שיינקייט, צו שטאַרבן אַן קיינעמס באַדויער?

איך שטיי לעבן היימישן ברונעם. פלעגסט אַלע פאַרנאַכט
מיט רינענדיק־הילצערנע עמערס, פון דאַנען צום גאַניק
אַדורכפּערלען גאָר דעם פאַרסאַזשעטן הויף. און מיר דאַכט:
געפינען מע קען נאָך די פּערל. זיי זענען פאַראַניק.

עס טראָגט איצט אַ הויקער צוויי עמערס מיט בלוט. קוק אים אָן.
צום שטיבל איך שאָטן זיך וועדליק די טראָפּנס, פּאַוואָליע.
אַזוי ווי דער אַשמדאַי שלמהס גינגאָלדענעם טראָן
פאַרכאַפּט האָט דער הויקער מיט צויבערשטיק דיין מעטראָפּאָליע.

אומישנע האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ הויקער, געוויס!
פאַרוואָרפן אַהינטער סמבטיון עס האָט דיך דער שכן.
ער טרינקט פון די עמערס, באַהאַלט זיינע הינערשע פיס.
דיין זיגלרינג בליצט אויף זיין פינגער. אַ, ווייַ צום נצחון!

נאָר אָט איז דיין ספינקסענע קאַץ וואָס ער האַלט אויף אַ קייט!
— וואו איז לייזער וואָלף? פרייכט זי קלאַנגען אַרוים ווי אַן אָרגל.
ס'דערשרעקט זיך דער הויקער. די קאַץ גיט אַ שפּרונג בלינדערהייט
און מיאַוקעט מיט גרים דיינע גראַמען ביי אים אויפן גאַרגל.

ווילנע, 1945

שוואַרצע דערנער

עס וואַקסן דערנער
אויף מיין מאַמעס הויז —
דעם נעכטנס דולע, אָנגעשפּיצטע בליקן!
און איך —
אויף זייער שטעכיקייט איך הויז,
איך זוך אַ תּיקון
אין די שוואַרצע דערנער.

מיין מאַמעס גייסט
נאָך הענגט אויף זיי, — איך פיל אים.
די שוואַרצע דערנער זענען איצט מיין תּהילים.
און ערבֿ נאַכט —
ווען בלויז די טויען ווייסן ניט פון טרערן, —
קלעטער איך אַרויף צו זיי,
ווייטיק מיט כוונה,
און מיינע ליפּן — וואַלקנס אויף די ווערטער,
פלאַפּלען אויס אַ היימישע לבֿנה.

צו דעם
וואָס האָט געפלאַנצט די שוואַרצע דערנער
בעט איך:
טו מיך אויך ווי זיי פאַרפלאַנצן,
איך וויל דאָ לעבן,
גוט איז מיר דאָ, גוט.

איך טו זיך אויס.
נעם טאַנצן,
טאַנצן,
טאַנצן,
ביז די דערנער בליען מיט מיין בלוט.

איך וויל דאָ לעבן,
גוט איז מיר דאָ, גוט. — — —

ווילנע, מיי 1945

געזעגעניש

א

אָ, ניט באַוויינען וויל איך דיך, דו שטאָט פון מיין געזאַנג.
ווייל פייכט איז נאָך דיין באָדן, כאָטש דיין פנים איז פאַרשרפעט,
איך וויל אין דיר אַריינגיין ווי אַ נאַכט צעגליט אין שטערן,
אַריינלייכטן אין אַלע שויבן,
ברינעמער,
מאַלינעס.
אַריינלייכטן אין גאָונס קלויז, וואו פון דעם הגר"אָ
אַוועקגעריסן איז דער ה און ס'איז געבליבן גראָ, —
(וואו איז דער אות,
צי וואָגלט ער אַצינד אין מיין נשמה?)
און אויך אין גרויסער שול, געבליבן איינציק אויפן שולהויף
מיט פעסטונגגוועגנט, וואָס היטן די פאַרגאַנגענקייט, די שטומקייט.
און אויף סטראַשון־גאַס זעקס —
די סאַמע לעצטע באַריקאַדע,
און אויך אין די קאַנאַלן אונטער דר'ערד
וואו ס'האָבן יידן
געהאַפט אויף דער באַפרייונג און דעם ערשטן מאַי געיומטובט.

איך וויל אין דיר אַריינגיין ווי אַ נאַכט צעגליט אין שטערן,
אַריינלייכטן אין יעדער הויז — געבליבן אָדער חרוב.
אין פנימער וואָס לעבן יאָ צי ניט — פאַר מיר זיי לעבן!
ווייל ווי עס פילט אַ מענטש זיין אָקערשט אָפּגעהאַקטן אָרעם
און זעט דעם רינג דעם גילדענעם פון אָפּגעשיידטן פינגער —
אַזוי־אַ פיל איך דעם פאַרבונד
מיט הייזער,
מיט חברים.

ב

דו ביסט מיין ערשטע ליבע און אַזאַ וועסטו פאַרבלייבן.
איך טראָג דיין נאָמען דורך דער וועלט
ווי ס'האָט מיין ווייטער זיידע
געטראָגן דורכן מידבר־פלאַם דעם מישכן אויף זיין אַקסל.

(אַ, זיידע מיינער, האָסט דאָך אויך געהאַפּט צו זען אַ ברעג!)
און וואו איך זאָל ניט וואַנדערן —
עס וועלן אַלע שטעט
פאַרוואַנדלען זיך אין דיין געשטאַלט.
איך וועל זיך ניט פאַרוואָרצלען
אין קיין שום אַנדער ערד,
אַזוי ווי ס׳קאָן זיך ניט פאַרוואָרצלען
די וואַסערבלום, אַראָפּגעריסן פון איר לאַנגן נאָפּל,
צוריק אין פיצל באָדן אונטער דריקנדיקן וואַסער, —
און הוידעט זיך פאַרלוירן איבער אָפּגרונט פון די כוואַליעס,
און קיינער, קיינער זעט ניט אַז דער פאָדעם איז צעריסן — —

ג

. . . און טייער ווי נאָך קיין מאָל ניט איז מיר דער יידיש דיינער —
דער צאַנקעדיקער קנויט
פון אַ פאַריתומטן נר-תמיד,
ווייל נאָר אויף מאַמע-לשון האָט אַ פיצל קינד געשריען:
— **פאָטער,**
פון אַלע ווערטער אויף דער וועלט עס פעלט מיר: מ אַ מ ע!

ד

איך בין דאָס קינד, וואָס טראָגט אַ גראָז
בשעת מע פירט אים קוילען.
איך בין די פרוי באַהאַלטן אין קאַנאַליזאַציע-רערן
אַליין מיט ערשט-געבוירענעם, ניט אָפּגעשיידט פון בויך,
און וואו דער עלנט איז אַזוי אומענדלעך, אַז עס דוכט
אויף מייז וואָס פלויושקען זיך אין שמוץ —
דאָס זינגען גאָר מלאָכים!
איך בין דער זקן גראָ און קנייטשיק ווי אַ וועלשער נוס
וואָס דאַרף צום אָפּנאַרן דעם עלטער אויסזען אַ יאָר צוואַנציק,
און גלייכצייטיק בין איך דאָס ייִנגל „יינגער ווי מע דאַרף”
וואָס מוז צעקאָרבן ס׳פּנים און זיך הייבן אויף די פינגער.
איך בין דאָס לעצטע וואָרט פון אַ געפאַלענעם אין גראָבן,
איך בין די ניט-באַהאָלפנקייט פון אַ געליימטן מענטש
וואָס קען די האַנט ניט שטרעקן צו דעם האַלדז —
זיך צו באַפרייען.

בין דער, וואָס קומט צוריק פון שטאָט מיט פּולווער אין די שטיוול
און שאַף דערפון אַ רעטער
ווי דער מהרל דעם גולם.
איך בין דער ווילד פאַרליבטער אויף דער סקריפּעדיקער תליה
(די אַפּלען זייגן איין פון ווייט אַ שמייכלענדיקע פּרוי).
איך בין שוין אַ פאַרברענטער.
אַ פאַרפרוירענער,
געקעפּטער,
נאָר מיטן שטראָם פון דער וויליע — שווימט צו דיר מיין ליד.

ה

ניט די וואָס האָבן דיך געשענדט —
ניט זיי וועסטו געהערן.
זיי וועלן בלינדע פּויזען אויף די קני צו דיינע טויערן
און דערנער וועלן זייער בלינדקייט נאָך אַ מאָל צעשטעכן.
עס וועט זיך ניט מרחם זיין דער וואָלקן אויף פּאָנאַר —
מיט זשאַווערדיקע בליצן וועט ער ענטפערן אויף תפילות.
בית-עולם-שטיינער וועלן זיך אַליין פון דר׳ערד אַ רים טאָן
און יעדער אות באַזונדער וועט זיי וואַרפן זיך אין פּנים,
און אויך דער אַנאַ-קלויסטער, וואָס איז רויט ווי אונדזער בלוט,
וועט אָן דערבאַרעמונג פאַרריגלען זיינע שמאָלע טירן,
און ווי אַ קללה אויסגעשמידט פון קופּער — וועלן קלינגען
פאַר זיי די אַלטע גלעקער אין מיין דעמערדיקער שטאָט.

און אויב עס וועלן מער ניט בלייבן אין מיין שטאָט קיין יידן —
איז וועלן זייערע נשמות וויינען אין די געסלעך.
און ווער ס׳וועט מיינען אַז אַ הויז איז פּוסט
און וועט אַריינגיין,
און אויפשטעלן אַ געץ, אַ טיש, און גרייטן אַ געלעגער,
און אָנטאָן אַ געפּונען העמד,
אַ קלייד
צי אַ פאַטשיילע, —
וועט ער ביי נאַכט דערהערן אַ געוויין פון קליינע קינדער
און ס׳העמד וועט ווי אַ ריבאייזן צעראַצן אים דאָס לייב.
ביז לויפן וועט ער דול אַרויס דער שטוב
ווי זיין געוויסן

פאַרוואַנדלט אין אַ ראָב
וואָלט קריק אַריין אין די געהירן.
און לויפן וועט ער — אַז דער שאָטן וועט אים ניט דעריאָגן.

ו

פון גאָרער וועלט עס וועלן קומען באָרוועסע מרגלים
מיט גרינע ווערבעצווייגלעך אין דיין גאָלד־גערויבטן היכל.
און איטלעכער וועט שעפּן פון דיין האָרץ
אַ הויפן אַש
און מיטנעמען אַהיים
דעם לאַנגן דרימל צו באַלייכטן.
נאָר איך, וואָס בין געוואָקסן אינעם שאָטן פון דיין פּראַכט,
אין גאַנצן טראָג דיך ווייטער — ווי אַ בלוטיקע מגילה.

ווילנער געטאָ — נאַראָטשער וועלדער, 1943 — 1944

פון אַנטלאָפענעם אינדזל

ביים ים

א

ניט קיין כוואַליעס, — נאָר גלעקער פון זילבער געשמידט
האָבן האַסטיק צערודערט, פאַרשטראָמט מיין געמיט.

אונטער שאָטן פון ווינט, אויף בורשטיניקן זאַמד
בין איך שיכור געפאַלן און לאַנג זיך געזאַמט.

און בשעת איך האָב אויפגעוואַכט, האָב איך געוואוסט:
ווי דער אויפשטראָם פון ים קומט געזאַנג אין מיין ברוסט.

ב

מיין ווייסינק שטיבל זעגלט קעגן ים.
אין אים אַ לאַנגער בושל ווינט און איך.

מיר טרינקען ביידע פון איין קענדל
און אָטעמען די זעלבע פרייד.

ביי טאָג צעשיידן מיר זיך.
יעדער פליט
מיט האַלדז מיט אויסגעצויגענעם פון בענקשאַפט
צום בלומען-אינדזל וואָס איז בלויז אין אויג.
נאָר שפּעט אין אָוונט, ווען די הויכע ווינטן
דערקייקלען צו די ברעגן גרינלעך-פּערלדיקן גלימער
און לאָזן אים אויף העלן זאַמד-געשפּיגל
צוזאַמען מיט די מולטערלעך און ים-גראָז —
דערפליען מיר אַהיים
און ברענגען מיט
איין חלום פאַר אונדז ביידן.

יעדער ווערט
האַלב מענטש, האַלב פויגל.

און מיר וואַכן ביידע
פאַר טאָג,
ווען פונעם חושכדיקן אָפּגרונט
שפּרינגט אַרויס די שטראַלנדיקע הירשין,
באַצירט מיט נעפּלען,
וואַסערקוואַלן,
שוים.

ג

דער אָוונט-היישעריק פּאַרצופֿקט
די זאַנגען פונעם ליכט. דאָס וואַסער
ווערט שרעקעוודיקער, שטילער, בלאַסער.
אין יעדער מייערקעפּל צוקט
אַ זון, וואָס וויל ניט אָנערקענען
די נאַכט, און לאָזט אַראָפּ דעם דעקל
און טוט פון אינעווייניק ברענען —
אַ פּאָר-זיך לייכטנדיקער שנעקל.

דער שטראַל דער לעצטער אויף מיין שטערן
זיין רויטן פינגער-אָפּדרוק שטעלט.
אַ מעווע שטורעמט צו די שטערן
און שפּינט צוזאַמען וועלט מיט וועלט.

ד

עס שלאָפט נאָך די לופט. ס'איז די שטילקייט אַזאַ וואָס
פּאַטשט פאַר דער שטילקייט מיט כוואַליעהענט בראַוואָס.

מיט גאָלד-פּייכטע שאָלעכצן פון פּאָמעראַנצן
באַשפּריצט ווער אין ים די פּאַרלאָשענע גלאַנצן.

דער אָפּשלאָג אין וואַסער פון שוועביקן חלום,
די נעפּלשיף פּורפּור-באַזעגלט, און דאָ לעם

די טריט מיינע שטיקלעך בורשטין אין די זעמדער —
איז וואָרער פון דיר, מיין זכרון דו פרעמדער!

געווים קען מען ראַטעווען איצט נאָך דעם מילכוועג,
מיט אויערן־שאָלן זיין הימליש געפיל כ׳וועג.

צי ברענט עס אַ הירשין ביים ראַנד אָדער ס׳דאַכט זיך?
וואָס ווערט מיטן ים ווען די וויע פאַרמאַכט זיך?

ה

און פאַר טאָג, ווען דאָס זאַמד איז נאָך ראָזלעך,
ווען דער בושל נאָך מרוקעט אין נעסט,
ווען דאָס פערד עפנט ברייטער די נאָזלעך
און זיין האָבערנעם שאָטן עס פרעסט —
ווען דער שפּיניקער נעפּל זייגט אוים שוין
דאָס געוויין פון דער ימיקער נאַכט,
ווען דער ים ווערט פון אייגענעם רוישן
אוים בורשטיניקער שטילקייט דערוואַכט —

קומען פויערטעס, קומען מיט קוישן,
און זיי קלייבן אין ראַנדיקע פלאַנצן
די בורשטיניקע יאַגדעס, וואָס גלאַנצן
מיט פאַרוואונדער אויף ערדישע ברעגעס
און זיי אָטעמען ערדישע רגעס.

ו

בורשטין,
דו פאַרפעלדזונג פון ביימערשע בלוטן,
דו סמאָליקער פלייץ
פון די אוראַלטע יאָדלעס, —
ווי איז דיין באַציאונג
צו ביימער,
צו מענטשן,
צו אָדלערס!

צוליב וואָס פֿאַר אַ זינד
ביסטו יאָרן מיליאָנען
געלעגן אויף ימיקן אָפּגרונט?
אַצינד
נעם ווידער די וועלט אויף
און טו זי דערקאָנען.

ווען דער ים איז נאָך ים ניט געווען,
האָסטו סמאָליק
פֿון צווייגן געטריפֿט,
פֿון די שטאַמען געטראָפּלט,
און אין איינעם אַ טראָפּ
זון־באַהייטלט, קרישטאָליק,
האָט אַ פֿליג זיך פֿאַרקלעפּט און פֿאַרנאָפּלט.

איצט אָטעמט זי מײַנע סעקונדן
און פֿאָכט מיט די פֿליגעלעך, פֿילט,
ווען זי ווערט פֿון אַ שטראַלכל געצונדן
דורך דער קרישטאָלענער שילד.

און ווי זי, פֿון די שטייניק־פֿאַרפֿעכטע געוועבן —
וויל איך אויך זיך אַ רים טאָן צום לעבן!

פּאַלאַנגע, יולי 1940

דער בינשטאָק

האָסטו געזען אין פאַרנאַכטיקן סאָד
אַ בינשטאָק,
וואָס רוט אין אַ מאַכטיקן סוד?

שוין טיילט זיך דער בינשטאָק ניט אויס פון די פלומען.
אַ רינגעלע זון
בלויז צוקט אויף זיין קוימען.
דורך אים
פליען טונקעלע בינען אַריין.
און אויך דאָס געשלוכץ פון דערבייאיקן טייכל,
דאָס ליד פונעם דיכטער,
ס׳געראויש פון דער וועלט —
אַלץ פליט אַריין דורכן רינגעלע זון
אין בינשטאָק.
עס ווערט אַזוי שטיל
ביז צום וויינען.

פון גריקענע פליינען
קערט אום זיך די לעצטע פאַרוואָגלטע בין.
שיכור פון הייסע מלחמות מיט בלומען
זשומט זי דיין אויער פאַרביי
און — — — ס׳געשעעט:

אויך זי פליט אַריין
דורכן רינגעלע זון
אין מוח פון בינשטאָק.
נאָר איידער דער טונקלסטער פונק
לעשט זיך אויס —
נעמט זי אויך מיט
דיין פאַרגאַפטע נשמה.

1940

אַ דיכטער ביי נאַכט

נאַכט. און עס אָטעמט אַ דיכטער די וועגן און שליאַכן.
רויטינקע פייערלעך שווימען פון באַרגיקן וואַלד.
אַנגעשפּיצט האָרכט ער דעם לשון פון ביימער און זאַכן.
אָטעמט די גייסטער־סימפאָניע, וואָס קומט און באַפאַלט
מיט רעגן־בויגיקע קלאַנגען די געגנט. זיין אויער
האָרכט דעם עקסטאַז פונעם קאָרן, וואָס וואַרט אויפן שניט,
די ניט־פאַרגאַנגענע פרייד און פאַרגאַנגענעם טרויער.
וועלט איז ביי אים אויף דער ליפּ. עס באַוואַכט אים און היט
ס׳אויג פון דער אייביקייט, העל ווי אַ שטערן אַ בלאָער.
אַל דאָס פאַרשטאַרבענע בליט
אין די גרויליקע וועלדער.

היימען פאַרשוואונדענע קומען אין חברשאַפט גרייטער:
טונקעלע היילן. אַ שייטער. אַ שטיבל פון סכך.
יעדער זיין היים האָט אַ שטעגל, וואָס פירט צו אַ צווייטער,
און אַ פאַרבאָרגענע האַנט פירט פון שטעגל צום שליאַך,
אין אָנגעצונדענער שפּאַנונג פון ריטמישן שפּאַנען.
ערגעץ פאַרפליען די ווערטער נאָך ליכט און נאָך גליק.
אָט איז ביים ברונעם דאָס מיידל מיט צוויי פולע קאַנען.
בריטער צעקרייזט זיך אין וואַסער איר פונקיקער בליק.
און איבער איר אין אַ זעגלונג אַ מחנה בוטשאַנען
שאַטנט אַוועק אויף צוריק
אין די אורערשטע וועלדער.

יעדער פאַרלוירענער טראָט, איבער שטויבן פאַרזיגלט,
קניט מיט געזאַנג ביי דעם דיכטערס צעוואונדיקטע פיס.
אין דער לבנה די צייט ווי אַ ליליע זיך שפּיגלט,
און דער געהיים פון די וועגן אַנטפּלעקט וואו ער איז.
גוט איז צו שפּירן דעם פויגל־געשאָרך אין די נעסטער,
אויך דעם געדאַנק פון אַ יאָדלע! און צו דער נאַטור
אויסשרייען פראָסט און אַלטמאָדיש: „מיין טייערע שוועסטער,
איך בין עס, איך, ביזן טויט אַריין דיין טרובאַדור.״
נאָך דעם אַ פאַל טאָן אויף דר׳ערד אין פאַרליבטקייט אין גרעסטער.
זען דעם אומזעאיקן שנור
צווישן זיך און די וועלדער.

גרוים ווי צוויי נעכט נעמען שפרייטן זיך זיינע שוואַרצאַפּלען.
נאַכטיקע, בלאָע פּיאָלן דערזעען אים בלויז.
ס׳צייכנט וועך אָן אויף אַ פליין די בריליאַנטענע שטאַפּלען
פון זיין באַוועלטיקטן וואַנדער. זיין גוף ציט זיך אויס
איבער דער וואַלדיקער ערד ווי אַ שטורעם. די שכינה
פלאַטערט אַרום איבער אים ווי אַ שנייאיקע טויב.
לענגער פון שליאַך ווערט זיין חלום. די ווילדע טשופּרינע
וואַרצלט זיך איין אין די גראָזן, אין בלעטער, אין שטויב.
ס׳ווערן די הענט זיינע גרין ווי די צווייגן די גרינע.
גיבן זיך פויגליש אַ הייב
צו די בערדיקע וועלדער.

שעפּסענע שטילעניש. ווייסע באַהילעניש. מאָכיק
שאַרן זיך שווייגיקע שאָטנס אין ליבשאַפט און שרעק.
אָבער דער שאָטן פון דיכטער, געזאַנגיק און קנאָכיק,
וואַקסט זיי אַריבער און לייגט זיך ברייטהאַרציק אַוועק
אויף די פאַרגליווערטע ליימיקע בערג ווי אַ טלית.
אַלץ ווערט פאַרוואַנדלט אין קאָסמישן בלוט. און עס קוועלט
האַסטיק אַריין אין זיין לייב מיטן ריטעם פון כוואַליעס.
דורך זיינע אָדערן רוישט די צעשטערנטע וועלט,
ביז עס צעשיטן זיך, פינצטערן אויס די פמליות.
ליכט פון די וועגן צעהעלט
דורך די נאַכטיקע וועלדער.

1937

דאָס ליד פון רעגן־בויגן

אַלע פריידן אויסגעטערנט
אינעם גרינעם וואַלד.
אַלע ליידן בלאָ צעשטערנט
אויפן שטראָם פון טייך.
אַלע ריידן רוי פאַרקערנט
אינעם שוואַרצן טאָל, —
בליען זיי פאַרכישופט
אונטער פליגל פון מיין שוץ.

ליכטע, פייכטע וואָלקנס,
ווי מחשבות פון אַ דיכטער,
ציען זיך אַרום אַ לייב פון גאָלד.
גליען זיך און זאַפן איין דעם אָטעם פונעם גאָלד.

און איך, דער רעגן־בויגן,
קריך אַרום פון אַלטן, קאַלטן ברונעם
און צעשפּרייט
די אָרעמס מיינע
רונד אַרום דער ערד.
ווער עס איז געלייטערט אין מיין קלאָרקייט —
דער דערזעט מיך.
ווער עס איז דערהויבן צו מיין אויבן —
וועט מיר גלייבן.

פון וואַנען איז מיין קומען?
פרעג דאָס ביי די בלומען
און ביים טרילער־פויגל
וואָס רופט מיך אָן: באַשאַפער.
פרעג דאָס ביי דער ליליע
וואָס טאָפּלט זיך אין וואַסער.
פרעג דאָס ביי דער דימענטענער
קיניגין פון בינשטאָק.

איך דאַרף באַווייזן אייביקע באַווייזן.
איך דאַרף באַלעבן טויטן מיט מיין שפּרייזן.
איך דאַרף באַקרייזן ניט־באַרירטע מיילן.
איך דאַרף זיך איילן צו באַרויזן סטעפּעס.
איך דאַרף צו זיך דערהייבן יעדער קליינקייט.
איך דאַרף באַשפּייזן דערנער מיט מיין שיינקייט.

1938

מוראַשקע־נעסט

מוראַשקע־נעסט, דו וואַלדס אונטערבאַוואוסטזיין,
צעגישטערט פון אַ נייגעריקן שטאָק, —
מיט לאַבירינטן דיינע, שטאָק נאָך שטאָק
צעפּאַלענע אין שטויב, זאָל דיר באַוואוסט זיין:
ווי דו בין איך. מיין שאַרבן פּאַלט. אַט ווערט ער
צעטראָגן פון מוראַשקעלעך — פון ווערטער.

און יעדער וואָרט — אַרויף, אַראָפּ, אַריבער,
פון נערוו צו נערוו, דורך רויך און קויל.
און אַלע יאָגן פון די שטיבער
מיט ווייסן אייעלע אין מויל.

1940

אויסגעלאָשן

אויסגעלאָשן.
אַש פון תאווה.
ווי אַ שווערד פון שייד האָט עמעץ
מיר דאָס בלוט אַרויסגעצויגן.
און צעמורשט איז דער זכרון —
אַ קאָמעט וואָס פאַלט אין אָפּגרונט.

שרפות,
איר, וואָס ווינט באַהאַלטן
אין רינגענהערצער פון די ביימער, —
אַרויס פון דאָרטן!
גיט אַ כאַפּ
דעם גרייטן פּעך פון מיינע ליפּן.
און באַוועלטיקט מיינע ווערטער
מיט אַ כוח פון צעשטערונג.

1940

לידער צו אַ לונאַטיקערין

א

איך קען דיך פון לאַנג שוין, פון זינט
ביסט געווען אַן אַמפיביע.
געדענק נאָך די ערשטקייט פון זינד:
האָסט מיך ליב? — איך האָב ליב, יע.

מיר האָבן זיך ביידע געפּאָרט
אונטער זילבערנע שלאַקסן.
און אונדזער פאַרליבטשאַפט איז דאָרט
ווי אויף הייוון געוואַקסן.

ב

מיט אַ זילבערנעם בעזעם
קערסטו אויס פון מיין חלום די שטויבן.
ווערט דאָס צימערל ריין. דורך די שויבן
גריסט אַ צווייגעלע בעז אים.

און דיין האַנט, וואָס דו שטרעקסט מיך צו זאַלבן,
פּרעסט די קנייטשעלעך אויס אויף מיין שטערן,
ווי דיין נאַכטהעמד אין פאַלבן
וואָס פאַרקנעפּלט דיין ברוסט אויף אַ שטערן.

ג

איך וויל בלויז באַרירן דיין סוד ווי אַ זעגל,
געבויגן פון שטורעם, באַרירט דאָס געאינד —
אַ סוד, וואָס צו אים איז פאַרזיגלט דאָס שטעגל
מיט טריוואַקס פון זינד.

אַהין איז מיין גלוסט. איך מוז געבן אַן עפן
דערזען דעם פּייזאַזש וואָס דערשרעקט און באַרוט.
דיין סוד, ווי דער טאַנגייסט אין פידלשע עפן
מוז ווערן באַפאַכט פון מיין פליגלדיק בלוט.

ד

ווער איז ער, דער דריטער, וואָס באַלד
ווי כ׳צערטל דיך מאַכט ער אַ גוואַלד?
ס׳איז דאָך ער — דיין געליבטער לעוואָניק,
וואָס רעגירט אויף אַ זילבערן טראָניק
אויף טונקלסטן צווייגל פון וואַלד.

מיר קענען ניט זיין זאַלבעדריט
ווען קוועקזילבער קילט דאָס געבליט.
ס׳גיט מיין לייב זיך פון קינאה אַ צאַפּל
ווען לעוואָניק זופּט אוים דיין שוואַרצאַפּל
און באַקושט דיר מיט פּערל די טריט.

קלייב איינעם פוןביידן אוים, קלייב.
דעם צווייטן שלימזל פאַרטרייב.
אָדער מאַך פון אַ מילב אים נאָך מילבער,
און פאַרברען אים אין שייטער פון זילבער,
דו פויגל, דו חלום, דו ווייב!

1940

באַדאַרפסט פאַר אונדז זיין אַ דערלייזער

באַדאַרפסט פאַר אונדז זיין אַ דערלייזער,
מיין קינד.
מיר קענען אַליין זיך ניט אויסלייזן מער שוין
פון אייביקן דורכפאַל און שטרויכל, פון זינד
און פאַרראַט, וואָס באַפאַרבן אויף שוואַרץ אונדזער פּאָן
יעדער טאָג,
יעדער טאָג.

באַדאַרפסט פאַר אונדז זיין אַ דערלייזער
דו קוועלכל פון פרייד.
באַשייד
און אַנטפּלעק אונדז אַ שטעגל
אין ווילדוואַלד פון סתירות.

עס רירן אונדז מער ניט קיין קייטן.
מיר האָבן צעריסן אין בלוט אַלע לירישע לירעס.
צעשמעטערט
דעם גערעץ פון אילוזיע. פאַרבלעטערט
אַ חלום. און אַלץ וואָס געווען איז פאַרגעטערט
איז לאַנג שוין פאַרגאַנג.

ווי קראַפּעווע בריט און געדייעט אין אונדז דאָס געזאַנג.
אַפילו דער מאָרגנרויט לויערט מיט געלן געבייזער
און שפּינט די געשפּינסן פון דורכפאַל און זינד.

באַדאַרפסט פאַר אונדז זיין אַ דערלייזער
מיין קינד.

1938

ווער וועט קומען ?

ווער וועט קומען ? — אַלע שפּורן
האָט פאַרשאָטן שוין דער שניי.

ווייסער, מירמלנער נאַקטורן
ענטפערט ניט און שיט מיט שניי.

אויך דער עכאָ קומט ניט מערער
וואָגלט אום אין וואַלד פון שניי.

און דאָס פרעגן ווערט נאָך קלערער
פון דער נאַכט און פון דעם שניי.

ווער וועט קומען ? ווער וועט קומען ?
שניי מיין לעבן, שניי, מיין שניי !

אויפן גליענדיקן גומען
פרירט אַן ענטפער, פרירט ווי שניי.

און אויף זילבערנעם געלעגער
אַ פאַרשאָטענער מיט שניי,

ליגט דער וואַרטער, ליגט דער פרעגער,
ביז עס ווערט זיין חלום — שניי.

1938

לאָמיר וועבן די לעגענדע

א

לאָמיר וועבן די לעגענדע פון אַ יונג באַרוישטן פרילינג.
פון אַ יונג באַרוישטן פרילינג אויף אַ בראשיתדיקער ערד,
ווי צוויי סטרונעס, וואָס באַשאַפן בלויז איין קלאַנג און איין דערפילונג —
צאַפּלען מיר אין לופט געשפּאַנטע. און דער איינער קלאַנג דערהערט
גאָר די מילדקייט, גאָר די ווילדקייט
פון דער קינדישער צעשפּילטקייט,
אַלע זונען פריש פאַרגאָלדיקט אין די פרילינגדיקע קוואַלן.
ביז אַ כישוף קומט אַנטקעגן מיט אורקנאַספּיקע סיגנאַלן,
אויפן זאַטל נעמט אונדז ביידן, און מיר טראָגן זיך צוזאַמען.
זיסע שניידנדיקע שרעק.
סוד פון שמייכל ערב קאַלטן, גרויזיקן אַנטפּלעק.
ביז מיר קומען צו דעם אינדזל הינטער אַלע ימען.

ב

לאָמיר וועבן די לעגענדע פון אַ מילכוועגנאַכט אין זומער.
פּיאַלעטע נאַכט אין זומער. ווען דאָס חלום-אויג דערזעט
אַ געוואַקס פון פייכטע זאַנגען און אַ קומען פון אַ קומער,
ווייל דער טויט, געבוירן אָקערשט, נעמט באַרירן דעם פּלאַנעט.
דורך די צווייגן נעם איך שטייגן
אין אַ שטערנדיקן שווייגן,
און איך טראָג דיך אויף די אָרעמס איבער זומפּן ווי אַ קרבן
פאַר אַ געטין אין אַ טעמפּל, ביז עס ווערט די נאַכט באַפאַרבן
מיט דער לאָקיקער כימערע פון אַן אויסגעטראַכטן אייביק.
זאַלבעצוויי צי זאַלבעאיין —
חושים זענען הוימלאָז, ווי דער חושים-גאָט אַליין.
טרייסטן זיי דעם אומטרייסט מיט אַן אייביק, מיט אַ גלייביק.

ג

לאָמיר וועבן די לעגענדע פון אַ האַרבסט אַ בלי־צעבליטן,
פון אַ האַרבסט אַ בלי־צעבליטן לאָמיר וועבן אַ געוועב.
טייך — אין גליווערדיקע פערל, ערד — אין חלפדיקע שניטן,
רוף איך דיך אַרויס פון דמיון אין מיין חלום וואו איך לעב.
און איך זע דיך האַרבסטיק. יעדער
גליד געצונדן, ווי אין סעדער
לעצטע עפל, ווען דער גורל וועגט אַריבער שוין דעם ווילן.
מיטן פרילינג, מיטן זומער פרואוו איך איינדעקן, פאַרהילן
דיין געוויין, וואָס איז געפאַלן אין מיין אויגאַפל ווי אַלים.
און איך רוף דיך פונעם דנאָ
וואו די וואָר אַ מענטש־פאַרשטעלטע איז שוין אויך ניטאָ. —
בלויז דער לאַכנדיקער שאַרבן פון אַ טויטן חלום — — —

ד

לאָמיר וועבן און דערוועבן די לעגענדע פון אַ ווינטער.
ווינט־ און שניי־לעגענדע — ווינטער. אונטער וואָיענדיקן שיכט
פרירט אַן ערגעצדיקע יונגשאַפט. פרירט די זון, פאַרויס און הינטער
שימערט, גלימערט די צוואה פון דעם ריטעמדיקן ליכט.
און איך קני דאָ אין ירידה,
זינג און שמייכל אין מיין ווידוי:
ווער האָט עס געהיים באַשווירן דו זאָלסט ווערן מיר דער ברענפונקט
פון די אָפגעשטראַלטע יאָרן? אַז אין דיר זאָל איך דערזען פונקט
די געשטאַלט, וואָס פון מיין וויגל טראָגט פאַרויס זיך ווי אַ רייטער?
נאָר ביז וואַנען איך און דו
וועלן גאָר דעם לעבנס אוצרות וויליק אויסבייטן אויף רו, —
לאָמיר וועבן די לעגענדע, לאָמיר וועבן ווייטער.

1937

אין די בערג

צוויי שטראַלן אויף די פּיס,
אין הענט — געטרייער ווינט.
אַזוי דערלאַנג איך זיך אַ ריס
אין לאַבירינט
פון שניי.

עס זענען זיס
די ליפּן פונעם שניי
און פול מיט קושן.

פּאַרויס —
אַ מתנה מאָנסטערבערג אין זילבערנע קופּאָלן, —
און בלאָ געשליפן
טיפן, טיפן
טאָלן.
די שטראַלן ליגן זיך אין שניי
און טאַטואירן אויס אין זיי
לאַנגמייליקע סימבאָלן...

די לופט פון הילכיקן מעטאַל
צעפּלאַצט פון מיין געשניט.
איך יאָג —
אַ בלאַנקע פייל דורך ערד און אַל.
עס פליט
מיין שאָטן אויף צוריק צו אַל די העלקייט.
די אַלטע סקריפּעדיקע צייט
שוין קען מיך ניט דעריאָגן.
וואו בין איך, וואו? אין וואָסער ווייט?
איך וויל, דער שניי זאָל מיר אַן ענטפער זאָגן!

דער עכאָ טוט אַ קלונג פֿאַר מיינע פּיס:
עס עפֿנט זיך אַ טאָל,
אַ באַרג,
אַ הימל.

די יאָדלעוועלדער פּאָכען מיט די שאָטנס
און באַגלייטן
מיין וועג מיט זייער פּיאָלעטער שוויגעניש.

איך ווירבל צווישן פּאַלעניש און שטייגעניש
דורך הימל,
באַרג
און טאָל.
און מיט אַ מאָל:

עס זענען זים
די ליפּן פֿונעם שניי
און פֿול מיט קושן.

1937

פון די אופּאַנישאַדן

אַלצדינג איז געמאַכט פון ווילן.
איידער
אַ פּיצל שאָטן האָט דערפרייט די נאַכט,
האָט ער אינעם גאָרנישט שוין געלאַכט, —
אַ געלעכטער פון אַ הויפן גרילן.

אַלצדינג איז געמאַכט פון ווילן.
און דעם ווילן זעט בלויז יענער
ווער ס'באַפרייט אים אויף אַ ווייל.
זיינע זענען אַלע פענער,
און די אומגעזעענע פייל,
די וואָס פליט,
באַפאַלט,
באַפעלט,
פרעמדע לעבנס אין דער וועלט.

ווען דער טויט נעמט אינעם מוח בילן —
קען מען הערן ווי עס לאַכט דער ווילן.

1939

איך וועל שפּרינגען

איך וועל שפּרינגען פון אייגענעם קאַלכאויוון
אין אַ ברודערל מיינעם פאַרביטן,
און די זון וועט מיר קופּערנע שטראַל־חובן
אין צעלעכערטער קעשענע שיטן.
און כ׳וועל נאָכזען, ווי בוריקעם פעלדישע
שלאָגן אָפּ אין די טויען פון קרויט ;
און צוזאַמען מיט הענער צוויי העלדישע
וואָס שלאָגן זיך וואו אויף אַ פּלויט —
וועל איך אויכעט
(פון וועגן אַ לידל !)
זיך שלאָגן אויף לעבן און טויט.

1939

דער וועווריק

דאָרט, וואו דער נאַכטיגאַל זינגט זיין שעדעווריק —
היפּערט אַ פורפּורנער זונפלעק — אַ וועווריק.

מיט זיינע קוועקזילבער־הענטלעך, — די פּיסלעך,
פּאַקט ער אין פּיסקל גינגאָלדענע ניסלעך.

ווער ס'קוקט אַרויף מיט אַ בייזער כוונה, —
וואַרפט ער די שאָלעכטס אַראָפּ אַ מתנה.

1940

אַזוי האָט געדאַרפֿט, האָט געמוזט זײַן

אַזוי האָט געדאַרפֿט, האָט געמוזט זײַן,
אַז אין שלאַנגענהויט לעבט דער אַרבוז.
אַז אין קעלער פֿון שטומען באַוואוסטזײַן
זאָל די מוזע אַ פּײַף טאָן : איך מוז.

אַז אויף קברים פֿון לידער אָן נעמען
זאָלן רויזלען זיך נייען צו גלײַך.
אַז דער גאָלפֿשטראָם פֿון בלוט זאָל פֿאַרנעמען
דאָס געשמעלץ פֿון אַן אײַזיקן טײַך.

1941

צום אויג

און טעג נאָך טעג אָן אויפהער דרינגען
ווי שטערן־שרפות אין אַ ברונעם.
עס בלייבן פונקען פון ניגונים
פאַרוויגט פון אויבנדיקע רינגען.

אַנטפאַרעמט ווערן אַלע פאָרמען.
מיט נייעם אינהאַלט כ׳וועל דיך קאָרמען
מיט ניכטערקייט וועסט ווערן שיכור
און וויסן: פאַרט איז דאָ אַן עיקר.

אין דיינע זילבערנע אַרכיוון
באַהאַלט ס׳פאַרגאַנגענע. אַצינד
אַל דאָס מאָרגנדיקע צינד.
און ברענג דאָס בילד פון קאָלעקטיוון.

1940

די בויערס

עס טרעפט אַז אַ שטאָט
ווערט אין אומבייט פון בליקן געאַנדערשט
ווי אַ פּנים ביים צונד פון אַ בליץ. און אַנשטאָט
דאָס געשטיין, קניפּט דער גורל פון מענטש זיך פונאַנד ערשט.

אַ שוועל, אַ געזימס אויף אַ שטיינערנעם ריז,
אַ ווערלבונג, אַ טרעפּ, אַ גראַניטוואַנט אַ ליאַדע,
אַנטפּלעקט דיר ווער ס׳האָט עס באַשאַפן: דאָס איז
דעם אומזעאיקן האַמערס געטאָקטע באַלאַדע!

און דענצמאָל — (אַ חלום צי ניט?)
נעמט אויפגיין אַ מענטשיש געזאַנג פון גראַניט! —
דאָס זינגען די בויערס אין שטיינער פאַרקנאָטן:
דו הערסט דעם געזאַנג אין פאַרשטיינערטן שאָטן.

1940

שטיינהעקער

שטיינהעקער זענען מיר, היט זיך, מיר שפּאַלטן
אוראַלטן פעלדז, דעם פאַרגליווערטן, קאַלטן.
אין אים וואַרטן פליגל, אַך, מאַכטיקע פליגל,
אין אים איז אַ זינגעוודיק פייער באַהאַלטן.

יונג איז דאָס פייער, ווי אַלט ס'זענען שטיינער,
קלאָר, ווייל אים האָט נאָך ניט אָנגערירט קיינער.
עך, גוט איז צו קלייבן ביים טונקל פון אָוונט
דאָס פייער, וואָס טאַנצט פון צעשפּאַלטענע שטיינער!

היט זיך, דער הילך איז דאָ שטאַרקער פון ציטער.
ס'פייער, וואָס אָקערשט געבוירן איז — היטער.
אוים פעלדז דאַרף זיין יענער, וואָס נענטערט אהער צו —
אַניט וועט אים טרעפן אַ שטייניקער שפּליטער.

גוט איז צו הערן, ווי ס'הילכן די לאַמען
אויף ניט-באַנאָמענטע שטיינער אין תהומען.
ביים אויפשטעלן דענקמעלער פון אַט די שטיינער —
זיי געבן אַן אייביק פאַרבלייביקן נאָמען!

1940

די גראָע צייט

האָב ליב דיין הונט, דיין בעט, דיין בראַנפּן,
נאָר האָב ניט ליב די גראָע צייט.
עס וועט דיין הונט אַזוי ניט חנפֿען,
ווי ס'חנפֿעט דיך די גראָע צייט.

עס איז דיין אויג פֿאַר איר קיין נעסט ניט,
דו זעסט אין שפּיגל, און דו זעסט ניט.
דאָך שפּירט דיין גומען: זי איז דאָ.

זי וואַרפֿט אין עסיק דיינע פּערל,
און כאַפּסט זיך אויף: דיין קליגסטער הערל
איז אָפּגענאַרט און גראָ.

1940

י. ל. פרץ

גלייך אַ קוואַל וואָס שלייפט זיך אָן דעם חושך אונטערערדיק,
יעדער מאָל אַלץ קלערער קלינגט אַרויף צו אונדז דיין קול.
האָסט פאַרוואַנדלט אין אַ בּאַרג אַ יאָמערדיקן טאָל,
און אַהין אַ רוף געטאָן דאָס פאָלק דערפרייט און ווערדיק.

נאָר דאָס פאָלק איז מיד געווען פון דורותדיקן קלעטער.
וויפל מאָל איז עס געבליבן שטעקן אין דער מיט!
האָסטו פון פאַרגאַנגענקייט אַ ליכט אַזאַ געשמידט
וואָס פאַרקניפּט זי ווי אַ רעגן־בויגן מיטן שפּעטער.

און פון קונצן־מאַכערס, פון משוגענע בטלנים
האָסטו אויסגעשטאַלטיקט אונדזער לעבן, אונדזער מיין,
ווי דער סקולפּטאָר, וואָס פון ווילדן גליווערדיקן שטיין
קנעט ער אויס אַן אויסגעטרוימטן גלייבנדיקן פּנים.

אונדזער ביסטו. פייגל צירלען דיין געזאַנג אויף דעכער.
קינדער מאַכן לעבעדיק דיין וואָרט מיט זייער הויך.
און בשעת מיר פרעגן: ווען מיר דערגיין דיין הייך?
ענטפערט אונדז אַ יומטובדיקע שטים: אויב ניט נאָך העכער!

1941

מ ל ח מ ה

דאָס זעלבע אַש וועט צודעקן אונדז אַלעם:
דעם טוליפּאַן — אַ וואַקסן ליכט אין ווינטישן געצאַנק,
די סילוויע אין איר פלי, וואָס איז פון צו פיל וואַלקנס קראַנק,
דאָס קינד וואָס וואַרפט אין אייביקייט זיין באַלעם, —

און בלייבן וועט בלויז איינער, אַ פּאָעט, —
אַ ווילדער שעקספּיר, וואָס וועט טאָן אַ זונג מיט קראַפט און מוטוויל:
— מיין גייסט אַריאל, ברענג דעם נייעם גורל וואָס מיין בלוט וויל,
און שפּיי אַרוים צוריק די טויטע שטעט!

1939

מלחמה־פעלקער

א

דער טויט האָט קיין געלט ניט, מיט וואָס וועט ער צאָלן
זיי, זיינע קנעכט, די אָנצאָליקע צאָלן!

באַרויבט האָט ער אַלץ מיט אַ קאַלטקייט פון קוואַרץ:
די זון פון שוואַרצאַפּל, די פליגל פון ליפּן,
און די ליבשאַפט, וואָס טריפנדיק רויט פונעם האַרץ
פאַרחתמעט איר תאווה אויף עמעצנס ריפּן.

העלפאַנדן קופערנע טרייבט ער און פיטערט
אויף מירמלנע שטעט, אויף געצונדענעם סטעפּ.
ווי עלעקטרישע לעמפלעך, אָן שטיינער צעשפליטערט —
פּיצלט ער קעפּ!

ב

אָנהיימיקע פעלקער מיט הינטישן וואָיען,
וועט איר נאָך דולדן די דוליקע האַרן?
עס וויינט די געשיכטע און פלאַמט פון בזיון:
פאַררעטעריש האָבן געשאָלט די פאַנפאַרן.

אין אייער זכרון אַלץ עקבערדיק טיפער
וועט זיך פאַרשרויפן אַ בלוטיקע ציפער.
און ס׳וועט אויך דאָס פאָלק מיינס געדענקען אויף אייביק
די, וואָס אים האָבן געלאַטעט, געמאָרדט,
און די, וואָס מיט ליבשאַפט־געיאָדערטן וואָרט,
אים האָבן באַגריסט — צו זיין שטאָלץ און דערהייביק!

1941

משוגעת

דורך געסלעך פון זונפאַרגאַנג פלאַטערט אַ פרוי,
זי וויינט: גיט מיר אָפּ מײַן געליבטן דעם שטרוי.

נאָך איר פליט אַן עולם מיט וואַסער און שטריק
וואָס וויל איר ניט געבן דעם שטרוי אויף צוריק.

פון אַקסל — איר געלע פאַטשויל פאַלט אַראָפּ,
פון וויטן — אַ פייערלעש-אויטאָ קלינגט אָפּ;

און קיינער, אַחוץ דער באַגייסטערטער פרוי,
פאַרשטייט ניט: ווי קען מען עס ליבן אַ שטרוי?

1940

מאָרגנקינד

מאָרגנקינד, אויב ווערסט אַ מאָל
זען דעם אָפּגרונט פון געשיכטע
וואו די האָפונג איז צעמאָלט —
שטויב, וואָס האָט שוין לאַנג פאַרגעסן
אַז זיין אָפּשטאַם איז גראַניט;
און אויף שערבלעך איז געמאָלט
אונדזער גבורה, אונדזער אומקום —
פאַל אויף דר׳ערד, און שווייג מיט שטורעם,
ווייל די גבורה אונדזערע
האָט זיך ניט צום טויט פאַרמאָסטן,
נאָר מיר האָבן זיך אַליין
אין אומהייליקן געראַנגל
איינס דעם אַנדערן פאַרטיליקט.

מאָרגנקינד, אויב ס׳וועט דיין חלום
ברענגען אונדזערע געשטאַלטן:
הענט, וואָס שטרעקן זיך צום שטאַרקן,
פּנימער פון געלע לאַטעס, —
וואַרג־דערוואַרג דעם האַלדז פון חלום
און פאַרשיט מיט אַש די טרערן.
ווייל דער גלויבן אונדזערער
האָט זיך אין אַ ראָב פאַרוואַנדלט.

מאָרגנקינד, זינג אויס אַ הימען
פֿאַר די ביינער אונדזערע.
ווייל די ערד האָט ניט פֿאַרשאָטן
זייער זידנדיקע מאָנונג.
ניט דער רעגן וועט זיי קילן,
ניט דער שניי וועט זיי פֿאַרדעקן.
מאָרגנקינד, זינג אויס אַ הימען
פֿאַר די ביינער אונדזערע.
אפשר וועסטו זיי דערפרייען
מיט אַ היילנדיקן פרילינג,
און זיי וועלן דענצמאָל הערן
דאָס געבויר פֿון נייעם קערן
און, קען זיין, באַרואיקט ווערן.

1939

צוויי קוילן

א

איך קען אַ מאַן, געטראָפן האָט אַ קויל אים
און שטעקט אין ברוסט, — אַ פויגל אין אַ שטיקל זון.
ווי אויסטערליש ! צעווישן גאָר דעם עולם
איז ער, קען זיין, דער גבורהדיקסטער זון.

און ער האָט ליב זיין קויל. אַנשטאָט אים טייטן
האָט זי דעם טויט געפאַנגען און פאַרוואונדט.
צעשמאָלצן ווי אַ שניי דעם לעבנס קייטן
און אויפגעלעבט אַ ניט־באַרירטן גרונט.

ב

אויך אין מיר, פאַרשפּרונגען פון אַ שלאַכט
שטעקט אַ קויל, — געלאָדן פול מיט לידער.
און בין איך קראַנק ווי אַ וואַזאָן ביי נאַכט —
ברענט זי אוים דעם סם פון מיינע גלידער.

און איך האָב ליב מיין קויל. איר הייסער טיגל
צעשמעלצט די וועלט. פון איר מעטאַל איך קנעט,
באַשאַף מיין אמת, ווי אַ קינד אין וויגל
קנעט אוים פון לויטער גאַרנישט זיין פלאַנעט.

1940

פיר לידער אין אַלט-יידישן לשון

געבעט

געהייכטער האַר, דער דאָ די וועלט באַשיינט.
דער איז געאיינציקט אייביקלעך פון אַלן. —
דערמיי דיין זון, דער אומוואָגלט אַליינט
און זאָל דיין באַרעמהאַרץ אויף אים טאָן פאַלן.

מיט ביטערקרייטער איז פאַרפול מיין זעט,
מיין ווין איז אויפגעפרעסן פון אַ דונדער.
מיך אומוואָגלט דער פיינד מיט גרוים געשפּעט
און לעסטערט אַלער אָרטן דיינעם וואונדער.

פאַר וואַר מיין האַר, דיין בויגן שפּאַן און זיי
אַ העלפער מיר אלהי אין וויסטעניי.
טו-אויף מיין אויג, עס זאָל דיין וועג דערגרונדן.
באַגורט מיין לענד און דיך מיט דיינער שטערק,
באַגיטיק און באַקריין דיין קעסטלעך וערק,
און טו — דער שאַלקער פיינד זאָל זיין פאַרשלונדן.

טרינקליד

שפּיל, טרומפּייטער, טו צעקיינעז,
מיר, די לצים, זופּן וויינעז.
וויינעז ביטער, וויינעז זיס,
גלייך די ליבע ווייבן.
גיס זיך, פלעשליין, גיס זיך, גיס,
ניט קיין לעק זאָל בלייבן.

שטאַרקער וויין,
פּולצל מיין,
לאָמיר טאַנצן,
טאַנצן.

באַרכעס זאָל מען טאָן אונדז געבן
ווער, כלהכען, לאַנג לעבן.
אַז דער חתן, דער פּאַרשוין,
וועט דיך טאָן באַקריינען —
וועסטו הייסן כלה־קרוין
און ווי גימגאָלד שיינען.

שטאַרקער וויין,
פּולצל מיין,
לאָמיר טאַנצן,
טאַנצן.

חתן־כלה־ליד

ער:

גלייך אַ פֿאַרזיגלטער קוואַל אין אַ וויסט,
ביסטו מיר זיין פּאַר די לעפּצן געזיסט.
צו אַ געזאַנג וואָלט איך טאָן דיך פֿאַרגלייכן,
וואויל איז דעם זינגער, דער ווערט דיך גערייכן.

זי:

גלייך ווי אַן עפּלבוים וואו אויף אַ פּלוין,
וואַקסט מיין געליבטער, דער איז מיר אַ קרוין.
האַרצלעך געליבטער, דערפֿרייד מיינע טראָטן,
טו מיך באַרוען אין קלייד פֿון דיין שאָטן.

ער:

גלייך ווי אַ שפּריי, דער די גראָזן באַשאָפּט,
טוסטו באַלעבן מיין גלוסט מיט דיין זאַפּט.
גלייך ווי אַ טורטלטויב אין די פֿאַרנאַכטן,
פּליט דיין נשמה אין מיינע געדאַנכטן.

זי:

גלייך ווי אַ הירש אונטער בליטן און שיין,
ביסטו געהאַפּערט, געליבטער דו מיין.
קום און פֿאַרמעק הינטער דיר אַלע וועגן,
זיי מיר אַ קושונג דורך נעכטן און טעגן.

ער:

גלייך צו אַ רויז איז דיין בליעדיק מויל,
שטעטיגלעך טוסטו געפֿעלן מיר וואויל.
קוועלברונענס צוויי אין די אויגן דיר קוועלן,
שטעטיגלעך טוסטו מיר, ליבסטע, געפֿעלן.

זי:

ביסט ווי אַ ווירבל, געליבטער דו מיין,
דער איבערפֿאַלט מיינע רויזן.

ער:

טראָג איך דיך, ליבסטע, אין היכל אַריין,
דאָרט ווּעל איך טאָן דיך אַנטשפּויזן!

וויגליד

איך טו פֿאַר מיין אוצר אַ לידעלע שפּינען,
דיין פֿאָטער וועט ברענגען אַ ציקליין דערינען.

דאָס ציקליין וועט לאַכן פֿון יינגעלעס טרערן
און ברענגען אַ בעקנברויט דיר צו געהערן.

אין ראַסט און אין רו זאָל מיין קינדעלע ליגן,
איך שאָקל דיין שאָקל און טו דיך פֿאַרוויגן.

זיי שלאָפֿן, דאָס מזל זאָל זיין דיין באַהיטער,
עס היילן די הונדן דורך שוואַרצן געגיטער.

און דאָס איז אַ צייכן: אויף יידישע שטיבלעך
שוועבט אום אליהו געגיטיקט און ליבלעך.

ער לוישפּערט אַריין יעדער יידן אין אויער:
באַרייט זיך, דער אויסלייזער האַרט לעבן טויער.

באַלד רייט ער אלהי אויף אַ זילבערן הודער
און זאַמלט באַאיינעם דיין שוועסטער און ברודער.

זיי שלאָפֿן, צו מאָרגנס וועט ער אונדז דערפֿרייען,
מיר וועלן אים לויבן מיט פּויק און שאַלמייען!

1938

דער טייטש פֿון די אַלט־יידישע ווערטער:

דערמיי — **דערפֿריי**; דונדער — **דונער**; שטערק — גבורה; פֿאַרשלונדן — **פֿאַר־שלונגען**; גערייכן — **דערגרייכן**; אַנטשפּויזן — **פֿאַרקנסן**; צעקיינען — **צעפֿלאַצן**; פּולצל — **מיידל**; באַרכעס — **חלות**; בעקנברויט — **מתנה**; שאָקל — **וויג**; געגיטער — **שטאַכעטן**; הודער — **דאָס ווייסע פֿערד, אויף וועלכן ס'וועט קומען משיח**; באַאיינעם — **צוזאַמען**; שאַלמייען — **פֿייף־אינסטרומענטן**.

עפּיטאַפֿן

עפּיטאַפֿן

אַ מתּנה מײַן ברודער משהן

א

איך אויסגעקריצטע אותיות אויף די ווענט
פֿון טויטנהײַזער, געטאָס און קאַרצערן,
אויף אַלע שפּראַכן און מיט טויזנט הענט,
אויף אַלע פֿאַרבן פֿון דעם מענטשנס טרערן,
איך האָב מײַן נאָמען צווישן אײַך דערקענט
און וועל אײַך ווי אַ ניגון אײביק הערן.

פֿאַרלעשט די שטערן! צינדט זיך אָן און ברענט
אַריבער גאָר דער וועלט, אַנשטאָט די שטערן!

ב

אין ערגעץ זאָלסטו מיין געזאַנג ניט זוכן
און ניט דעם רעשט פון די פּאַרצוקטע גלידער, —
נאָר וואו דו ביסט, דו איינציקער פון ברידער,
זאָלסטו אַ רויטן רויזנקוסט פאַרזוכן.
וועט דיר יעדער שטאָך באַזונדער
ברענגען גרוסן פון דער נידער,
וואו ניט-אויסגעלייזטער וואונדער
בינדט דעם קוואַל פון מיינע לידער.

ג

קיין אַנדער לעבן האָב איך ניט פֿאַרזוכט,
און ווייס ניט, צי זיין שווידער איז געשמאַקער.
קיין אַנדער חכמה האָב איך ניט געזוכט
ווי זיין אַליין די ערד, אַליין דער אַקער
און אויפֿגראָבן די קראַפּט, וואָס האָט געוועלט,
איך זאָל ניט בלייבן אייביק אומגעבאָרן.
אַ דאַנק דיר פֿאַרן שענקען מיר אַ וועלט
און פֿאַרן זיין אַ גראָז אין דיין זכרון.

ד

איידער איך טו אוים דיינע גאָבן
און פֿאַרשווים פֿון מיין דאָאיקן גבול —
מאַך דאָס לעבן מיינס מילגרוימיק פֿול,
איך זאָל גאָרנישט באַדאַרפֿן מער האָבן.

און פֿאַרקיילעך מיין דרייצענדליק־יאָרענעם שפּרייז
מיטן הייפּנדל טעג אין דיין אָטעם געפֿאַנגען.
איך וויל זיין אַ געשלאָסענע צייט, ווי אַ קרייז,
אַ צאָל פֿאַרזיגלט מיט קלאַנגען.

ה

אויך ווען דער מענטש וואָלט זיין אַ גאָט און איך וואָלט זיין אַ וואָרעם,
אַלץ איינס וואָלט איך צום פֿייניקער געברומט: ביסט ניט גערעכט.

מיך אַרט ניט, וואָס איך שטאַרב, אַן עדות — אויף מיין ברוסט דער אָרעם;
עס אַרט מיך, וואָס דער האַר אויף מיינע יאָרן איז אַ קנעכט.

ו

אין לאַגער קלאָגע לויפן דורכן הויכן גרינעם גראָז,
ווי אומקלאָר אויסגעקריצטע שורות — אַשן־גראָע שטעגן.
דאָס האָבן פון די שייטערן געגעבן זיך אַ לאָז
צוויי פאַקלמענטשן איינער צו דעם אַנדערן אַנטקעגן
מיט ברענענדיקע טריט. איך האָב געזען ביים ראַנד, אין טוי
ס׳געיאָג פוןביידן און דערביי — די צאַנקענדיקע גופן.
„איך האָב דיך ליב” איז אינעם גראָז געשריבן, און אַ פרוי
ביים ווערן קויל „אויף אייביק” האָט גערופן.

ז

מענטשן!
דער וואָס האָט געקריצט די שורות, —
הייסט אַריאל בלאַנק, —
אַ מוזיקאַנט.

דאָ, אין אונטערגראָבן,
ביי דער וואַנט.
ליגט באַהאַלטן אין פוטליאַר פון פידל —
די באַשאַפונג פון דער וועלט —
מיין קינד.

מענטשן!
נעמט אַ רידל
און געפינט.

גיט אַפּ דעם אוצר אַ געשאַנק
אַ נייעם פּאַגאַניני, —
עס וועלן אים די ביינדלעך פון מיין קינד
אַ פידל זיין,
אַ כישופדיקע פידל.

ח

אזוי שטייט אָנגעשריבן אויף אַ ברעט פון אַ וואַגאָן:

ווער עס וועט אַ מאָל געפינען פּערל,
געצילייעט אויף אַ בלוטיק רויטן שנירעלע פון זייד,
און וואָס צום האַלדז דערלויפן זיי אַלץ דינער
ווי דער וועג פון לעבן,
ביז וואַנען זיי פאַרגייען אין אַ נעפּל
ניט צו מערקן —
ווער עס וועט געפינען אָט די פּערל,
זאָל וויסן, אַז זיי האָבן קיל באַלויכטן
דאָס האַרץ דאָס אַכצניעריקס, אומגעדולדיקס,
פון דער פאַריזער טענצערין מאַרי.

איצט פירט מען מיך אין אומבאַוואוסטן פּוילן, —
וואַרף איך מיינע פּערל דורך די גראַטעס.

אויב עס וועט געפינען זיי אַ בחור —
זאָל די פּערל צירן זיין געליבטע.
אויב עס וועט געפינען זיי אַ מיידל —
זאָל זי אָנטאָן, עס געהערט צו איר.
אויב עס וועט געפינען זיי אַ זקן, —
זאָל ער פאַר די פּערל טאָן אַ תפילה.

ט

פון גאָס וואָס אויפֿן באַרג, אַראָפּ אַראָפּ צום טאָל צו,
אַלץ נענטער צו דער שטאָט וואָס ברענט אין פֿייערן אַ שטאָלצע,
עס שטראָמט אַ רינשטאָק בלוט פֿון די געפֿאַלענע אין קאַמפֿן.
און אין טאָל, די קנעכט פֿון אַלע מינים —
באַלעקן אַזש דעם רינשטאָק בלוט ווי בראַנפֿן.

נאָר ער יאָגט ווייטער. ער באַדאַרף נאָך מעלדן
דער אייביקייט אַ זיגערישע בשורה.
ער טראָגט אין זיינע אָדערן די גבורה
פֿון די ערשט געפֿאַלענע, די העלדן.

און אָט האָט ער אַרומגערינגלט שוין די גאַנצע שטאָט,
די צעפּראַלטע מויערן, די הייף,
אין אַ קרייז אַ לעבעדיקן, דינעם,
און אַרום האַלדז פֿון קנעכט מכּל המינים
אַרומגעכאַפּט אַ וואַרגנדיקן שלייף.

י

איך האָב געזען אַ זקן. אויף זיין שטערן —
אַ שיכעלע אַ קליינס אַנשטאָט אַ תפיל.
אין דעם האָט ער געדאַוונט מיט געפיל
אין גאָונס קלויז — די דערנער זאָלן הערן.
דורך מיינע פלאָנטערוועגן נע־ונדע
איך זע אים ווי ער דאַוונט אויך אַצינד:
און אַנשטאָט אויפן תפיל זאָל גליען שדי
איז דאָרט אויף יידיש אויסגעקריצט מיין קינד.

יא

וואו זאָל איך מיין פינצטערניש באהאַלטן
אויף צו זען אַ שאָטן פון אַ ליכט?
אונטער וועלכן שיכט,
אין וועלכע שפּאַלטן
זאָל איך זיך פאַרקבּרן, כּדי
ניט צו הערן דאָס געשריי
פון וואָרט?
אַז וואו עס וועט מיין ליב זיך ניט צעזיפן,
וועט יעדער שטויב זיינס בלייבן ניט געטייט
און הענגען ביי דעם לעבן אויף אַ קייט
און מאָנען רו מיט שווייגנדיקע ליפּן?!

יב

אין צעל נומער זעכצן פון ווילנער געסטאַפּאָ,
איך זוך די נשמות פון די וואָס ניטאָ.
פאַרפייניקט די נעמען. עס האָט זיי אַ לאַפּע
מיט אייזערנע באַרשטן פאַרמעקט ביזן דנאָ.
נאָר הינטער דעם קאַלכשיכט עס צייכנט זיך בליציק
אַן אויפשריפט נאָך אייביקער פיל ווי די צייט,
און שאַלט ווי אַ האָרן אויף נאָענט און ווייט:
איך שטאַרב פאַרן לעבן.
וויטענבערג איציק.

יג

היינט אָדער מאָרגן, —
עס קומט שוין דער פרידן,
מיט שטערן און וויין
וועלן טאַנצן די קרעטשמעס.

נאָר ווער וועט דערמאָנען
דעם לעצטן ציגיינער,
מיך, דעם געבונדענעם אָדלער
אַלעקאָ?

אַז טויט איז מיין מיידל,
מיין פערד איז געפאַנגען,
זיין גילדענע פּאָדקעווע
האָט מען געגזלט.

עס ווייס דאָך ניט קיינער
אַז דו אויך, מיין מעסער,
ליגסט איבערגעבראָכן
אין ריפּ פונעם שונא?

יד

אין מאַידאַנעק, אין דער קאַמער
וואו מען האָט פאַרגאַזט מיין שטאַם —
אַ תנ"ך אַן אַמסטערדאַמער
ליגט ניט־אָנגערירט פון סם.

איך, דער זינגענדיקער אָבל
אויף אַ שייטערדיקער שפּראַך —
צערטל, עפן אויף דעם טאָוול
פון געפונענעם תנ"ך.

בלעטער דורכגעשטויבטע, גראָע
נעמען אויפלעבן אין האַנט.
און אויף איינער — אַ צוואה
אויסגעציקלט ביי דעם ראַנד:

— ברודער טייערער, באַפרייטער,
דאָס איז אַלץ וואָס איך פאַרמאָג.
נעם דאָס ספרל, טראָג ווייטער,
ביז אין אייביקייט — דערטראָג!

טו

זיי וויסן, קאַט, אַז איטלעכע אכזריות
אין דיר אַליין איז צענפאַכיק געווענדט.
אויך דאָ, אין גיהנום פון די קרעמאַטאָריעס
וועט מיין נשמה אַלץ ניט זיין פאַרברענט.

אַ שוואַרצער וואָלקן, וועל איך זיך פון קוימען
אַרויסוויקלען און שווימען נאָך דיין טראָט, —
ביז וואַנען איך וועל אָפּמעקן דעם זוימען
פון דיר, דיין שלאַנג אין וויגל, און דיין שטאָט.

טז

פֿאַרבייגייער, בלייב שטיין! ביי דער אַ וואַנט
האָב איך פֿאַרטיידיקט דיך, דו אומבאַקענטער
באַפֿרייטער מענטש. דו גיב אַ טראַכט, באַנעם עס.

באַריר די ווערטער מיינע מיט דיין האַנט —
דאָס זענען אָדערן. גיב איין טראָט נענטער,
דערהערסטו ווי עס קלאַפּט אין זיי דער אמת.

יז

צווישןביימער אין אַ סאָד,
אויף אַ ברונעמס קאַלוואַראַד
איז פאַרקריצט: דאָ ליגן
די, וואָס זענען ניט אַריין
אין דער שול פאַרבערענט צו זיין
אויסן דאָרף דעם היגן.

דער וואָס שרייבט עס בלינדערהייט,
האָט זיך אָקערשט אויף דער קייט
אויפגעהויבן פונעם
וואַסער-קבר מיט אַ קינד.
נאָר עס גלוסט זיך אים אַצינד
קריק אַריין אין ברונעם.

יח

מיין זון אַביגדור שאַרף, אין תל אָביב:
איך שרייב אַ רגע פאַרן סוף דעם בריוו
אויף אַט דעם שטיקל פאַרמעט וואָס איך טראָג
אַרום מיין האַלדז. אויב דו וועסט אים געפינען —
איז מיין פאַרזאָג:
ניט קלאָג!
נאָר גראָב די ערד און גראָב אַרויס דערינען
אַ שערבל, אויב ניט זיין וועל איך אין גאַנצן.
און נעם דאָס שערבל מיט און טו עס פלאַנצן
אין פּרדס, וואו די קינדער דיינע טאַנצן.

יט

איך לאָז אַ בינטל האָר דיר איבער
דאָ, אונטערן שטיין.
דו מיין ליבער,
דו מיין גיבור,
ווערסט געפינען, ווערסט פאַרשטיין:

ס'איז דאָס בינטל האָר מיין שענסטער
דורך דיין מויל געקושטער לאָק.
צערטל ווייטער און דערצערטל אַלינקע פאַרלאַנגען:
האָרך אַרוים מיין ליבשאַפט אויס דערין,
ווי פון אַ גלאָק —
איינגעשמידטע קלאַנגען.

כ

געוואַלד, ווי מיר גלוסט זיך געוואַלדיק
אַריבערצושווימען די נאַכט !
אַ זונג טאָן ברייטהאַרציק, ברייטוואַלדיק
צום האַר פון דערוואָרגענער פּראַכט.

איך וועל דאָך פאַרפולווערן,
זינקען,
אין אויסער אַ צייטלעכער וואָר.
איז וויל איך ביז דול ווערן
טרינקען
דעם גיהנומשן וויין פון מיין דור.

כא

געבליבענע! בעת אייער פרייד זאָלט איר אַרבן
די טרערן פון יענע וואָס צאַנקען אין קלעם.
פאַרגעסט ניט און אָטעמט אַריין אונדזער שטאַרבן.
פאַרגעסט ניט צו לעבן אויף קידוש השם.

כב

אויב ראַטעווען אַ יידיש קינד
ביי איך ווערט אַנגערופן זינד, —
בין איך זיך דעמלט מודה:
שולדיק, שולדיק,
און וואַרט געדולדיק
אויף דער תליה: גיב מיר שוין אַ הוידע.

און ניט איך בעט גענאָד, ניט מיך פאַרדריסט
מיין האַרבער גורל דער באַשערטער.
נאָר דו, מיין ליכטיק רייזעלע,
געדענק דיין „מאַמעס" ווערטער:
איין מאָל לעבט מען — זאָל עס ניט פאַרביילויפן אומזיסט.

כג

דו מערדער! שאַטן מיינער, וועסט
מיין שטח אויף דער ערד ניט ירשענען.
דיין האַק אין גרויזיקן פאַרמעסט
איז איבער מיר ניט מער קיין האַר שוין.

איך בין געפּאַנצערט. יעדער שטאָל
טאַנצט אָפּ צוריק אין מיין פאַרלענדער.
און ווילסטו אָפּהאַקן מיין קול —
זיין עכאָ ליאַרעמט איבער לענדער.

דיין פלאַם איז מיין געצוימטער קנעכט.
זיין סוף איז אַש. נאָר ניט דערצונדן
איך פלאַטער און באַלייכט די נעכט
מיט מיינע זינגענדיקע וואונדן.

כד

איבער וואַרשע גייט אַ מילכוועג,
ניט קיין שטילער, ניט קיין בלייכער.
נאָר אוים בלוט איז גאָר דער מילכוועג, —
פון דער העלדנשטאָט אַ זכר.

כה

קרומע ווענט איינפּיסיק ווי בוטשאַנען,
דענקמעלער פון גלויבן און עקשנות,
דורכגעלעכערט שורותווייז מיט קוילן —
ווער האָט אייך אַראָפּגעשיקט, פון וואַנען?
שטראַליק אומגעזעענע קאַלאַנעס
טראָגן אייך אין וואַרשעדיקן פּוילן.

פון די לעכער, וואָס מיט ביקס באַשאָפן
האָבן מיינע פּולווערדיקע ברידער —
טרינק איך זון און זינען פון יאָרהונדערט.
אָ, ביז ביין פאַרקאַרבטע עפּיטאַפן,
שטומע, נאָך ניט־אויפגעפּלעקטע לידער
וואָס די צוקונפט לייענט און באַוואונדערט!

כו

איך טראָג מיט זיך אַ רויטן ציגל
פאַרשריבן מיט אַ שוואַרצן קויל:
דער טורעם ברענט פוןביידע פליגל,
פאַרפלויגן איז מיין לעצטע קויל.

איך שפרינג אַצינד פון זעקסטן גאָרן
און זינג דעם פאָלק מיין לעצטן ליד.
פאַרצייכן מיך אין דיין זכרון:
איך הייס: דער אומבאַקענטער ייד.

כז

זינג אוים דאָס ליד פון האָפענונג,
און איך וועל זיין דער ניגון!
נעם צו פאַר אַ באַוואָפענונג
די זון און הײם איר זיגן.

פאַרבײַט ווי דער אַלכעמיקער
אין גאָלד — אַ הויפן שטויבן,
דיין יאוש, ברודער קלעמיקער
אין גינגאָלדענעם גלויבן.

און גלייב: דורך מאָרגנס טויזנטער
עם בליקט אויף דיר דיין ירשן.
אין וואונדן אַ צערויזנטער
גיב איבער דיינע מאַרשן.

ווייל אויסער דעם צווייפיסיקן
פאַרשאָלטענעם, געמיינעם,
דעם אַלץ־און־גאָרנישט ווײסיקן —
ניטאָ צו ליבן קיינעם.

ווילנער געטאָ — מאָסקווע — לאָדזש, 1943 — 1946

אין סדום

בראַנדענבורגער טויער

ווער שוועבט עס מיר פאָרוים אויף יעדער שטעג
אוואו מיין אומרו זאָל ניט עולה רגל זיין ?
— אַ געטאָ-טויער, פריש פון האַק און זעג,
ווי מיינע אויגן וואָלטן זיינע נעגל זיין.

אַ טויער אויף דער ערד, און אין דער הייך
וואוהין מיך טראָגט אַ מלאך אַ מעטאַלענער.
אויך ביי די שטערן גיט ער מיר אַ גרייך,
און וואו אַ שטיקל שטח ווערט נתגלה נאָר.

און דורכן טויער : קעפ און קעפ און קעפ,
און יעדער קאָפ איז מיינער, איז ווי לעבעדיק.
און ווען איך נידער אויף די וואָלקנס טרעפ —
דער טויער לאָזט זיך אויך אַרונטער שוועבעדיק.

און שפּאַן איך שוין אין פינצטערן בערלין —
דער טויער מיר פאָרוים ווי שטענדיק וואַנדלט ער ;
און שטעלט זיך אָפּ, פאַרלוירן שוין דעם זין,
אין בראַנדענבורגער טויער אַ פאַרוואַנדלטער.

ווי נאָכיאָגן עס וואָלט מיך אַ פּאָגראָם, —
באַהאַלט איך זיך פון טויער, פון דעם שטאָטישן.
... אַנטקעגן זומפּט אין זונפאַרגאַנג דער סדום
צוזאַמען מיט אַ קלויסטערשפּיץ אַ גאָטישן.

בערלין, פעברואַר 1946

אויפן מאַרק

ס׳איז רווישיק אין אייראָפּע אויפן מאַרק !
דער בירגער האַנדלט. זיין נשמה האָט ער
שוין לאַנג פאַרשאַכערט פאַר אַ הונדערט מאַרק,
און ביי אַ קופל ביר צעשוימט און שטאַרק —
פאַרטרונקען אי זיין קינד און אי זיין פאָטער.
אַצינד איז ער פון זיין געוויסן פּטור
און טראָגט אַ פולן זאַקרויב אויפן קאַרק.

איך דריי זיך דורכן מענטשוואַרג ווי אַ שרויף,
מיין פרײַישאַפט ווערט מיר פריקרע און פאַרשפּיגן ;
ווי פעדעם ווייטיק נעם איך זיך צונויף
און האָרך : אין קופּער-קלימפּער פון פאַרקויף
עס ציטערט אַ באַקענטער, ווייטער ניגון.
און איבער אַקסלען הוידען זיך און וויגן
די אויסגערויבטע קליידער פון מיין הויף.

מע קריגט דאָ אַלץ. און וואָלוול, פאַר אַ שפּאָט :
אַן אַטלאַסענע זשופּיצע אַ פיינע,
אַ קלייד, וואו ס׳איז קענטיק נאָך דער J
און אויריגנגלעך באַפלעמלט מיטן סוד
פון שבת-ליכט אין פוילן צי אוקריינע.
מע קריגט דאָ אַלץ. אַ ביוסט פון היינריך היינע
און יידנזייף — כמעט אויף יעדער טראָט.

און כאַטש די דייטשן נאַרען זיך ווי מייז —
אייראָפּע בלענדט פון זייערע מתנות.
מע קויפט אַ בוך אין מענטשנהויט פאַר שפּייז,
און ס'איז אַ שטריק פון פרויענהאָר דער פּרייז
אַמעריקאַנער טאַבעק — בנאמנות ! !
דער מאַרק איז פול. ער פלייצט דורך אַלע זאַנעם
און לייגט מיר פאַר זיין סחורה וואו איך שפּרייז.

נאָר פון דער סחורה טראָגט זיך אַ געשאַל, —
דאָס וועקן זיך אין דעם פאַרברענטע שפּראַכן
און גאָר מיין בלוט פאַרוואַנדלען זיי אין גאַל
וואָס פלייצט אין מיר ווי אַ פאַרסמטער קוואַל.
און ווי אַ דונער־וואָגן נעמט דערוואַכן
דער אינטערנאַציאָנאַל פון טויטע זאַכן —
. . . איך גיי אין מאַרש פון אינטערנאַציאָנאַל.

בערלין, פעברואַר 1946

פאַרן נירנבערגער טריבונאַל

מע זאָגט: איך מאָן גערעכטשאַפט פאַר מיליאָנען.
אַז אייביק וועט פאַרבלייבן אָט די שעה, —
נאָר די מיליאָנען זענען דאָך ניטאָ, —
איז וואָס פאַר אַ גערעכטשאַפט קען איך מאָנען?

איך דאַרף גאָר זיין אַ טויזנטפאַכער שיילאָק
אויף אויסשניידן די רישעות פון דער ערד.
— מיין פאָלק! דו וועסט נאָך שמידן אַזאַ שווערד,
אויב גאָט איז שוואַך צום אויפמאָנען דעם חלק! — — —

נירנבערג, 27סטן פעברואַר 1946, נאָך מיין עדות זאָגן פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל.

דריי נעגערס

דריי נעגערס מיט נאַכט אַנשטאָט הויט און מיט פריילעכע ציין,
דריי זודיקע נעגערס נאָך אָקערשט אַרויס פון אָקאָפּע, —
צעהענגגען די פאָן פון נצחון ביים שמוציקן ריין
און שפּרייזן מיט הענט אין די קעשענעס איבער אייראָפּע.

איך זאָג צו זיי: שלום עליכם! ווי איך וואָלט אַוואו
די דריי שוין באַגעגנט. זיי שטעלן זיך אָפּ און באַטראַכטן.
און איינער דערקענט אָן מיין אומרו, אַז איך בין אַ דזשו,
עס גיבן אַ בליץ זיינע ווייסלען מיט אָפּגלאַנץ פון שלאַכטן.

דערציילט ער אויף לשון פון קופּערנעם גאַנג, ווי ער האָט
קיין בעלזן געאײַלט אויף אַ טאַנק פון אַ ווייטן מהלך
און גריכישע יידן געראַטעוועט הינטערן דראָט,
און איינע אַ פרוי האָט געקושט אים: שוואַרצהויטיקער מלאך.

דער צווייטער — אַ שאָטן ביים אָניאָג פון ליכט, נעמט זיך אויך
דערמאָנען אַ רגע: ווען ער האָט דעם טויער צעשמעטערט —
געגאַנגען איז נאָך פונעם קוימען אַ פּיצעלע רויך,
ווי ס'וואָלט דאָרט אַ קינד מיט אַ ליאַלקע אין הימל געקלעטערט.

דער דריטער — מע זעט ווי עס ריזלט זיין בלוט אונטער הויט —
מיט ליפּן פאַרביסענע דזשאַמדזשעט אַ לידל בעת־מעשה.
ער קוקט אויף די מענטשן אין גאַס — עלעהיי אויפן טויט:
— „אַ שאָד, מיינע פריינד, וואָס די טרערן ביי אונדז זענען ווייסע!"

נירנבערג, מאַרץ 1946

אין שטרייכערס פּאַלאַץ

איבער שטרייכערס פּאַלאַץ בלויט אַ פּאַן,
קוואַלט פון זיך אַרויס דעם גאַנצן הימל.
און אַ מיידל פונעם הויף קומט אָן
מיט צוויי פולע עמערס, און אַ בלימל
איינגעפלאַנצט אין צאָפּ.
שאָקלט צו דעם קאָפּ:
— דאָס זענט איר? קומט-קומט צו אונדז אין וווינונג!

ברענגט זי מיך אין רויט געשניצטן שלאָס —
פילן זעכציק לאַגערניקעס אָן אים.
(ס'ליגט אין נירנבערג דער „בעל-הבית"
מיט אַ גרינעם זשאַבעדיקן פּנים.)
פון דער וואַנט, אַ, ווער
קוקט אַראָפּ אַהער? —
פּריץ וואַרפט אַ בליק מיט וויי און שטוינונג.

זאָגט דער נומער נײַנציק טויזנט אַכט:
— ברוך-הבא, גאַסט, און ברוך-הבא!
עס וואָלט זיין געוואונטשן, ווי מיר דאַכט,
אייך לכבוד זאָל אַ זונג טאָן סאַבאַ.
סאַבאַ, סאַבאַ, זינג,
בעט מען אין אַ רינג.
זינג דאָס ליד „מיר זענען ניט פאַרגאַנגען."

און די שוואַרצע זאַנג פון סאַלאָניק
בליט אַרויס און נעמט זיך וויגן, וויגן,
אַז קיין האָר ניט מינער פון איר בליק
טוט מיך שניידן, לייטערן איר ניגון.
דורכן שויב, וואָס גליט
פליט אַ פויגל, פליט
און זיין שאָטן לעשט דעם מיידלס קלאַנגען.

— אַט דאָס ליד, פאַרטרויט מיר בערזשעראַק,
האָבן מיר געזונגען ווען דער וועכטער
האָט געטריבן איבער אונדז זיין האַק,
צו דעם ים געטריבן מיט געלעכטער.
ווער ס'האָט ניט געשפּאַנט —
אָפּגעהאַקט אַ האַנט!
אויכעט סאַבאַ האָט אַ האַנט פאַרלוירן.

הער איך ווי אַ ים דערנעבן ברויזט
און איך ווער געיאָגט צו זיינע שלונדן.
פּרואוו איך הייבן קעגן וואַך אַ פויסט,
איז דער פויסט אָראָפּגעהאַקט, פאַרשוואונדן.
פאַל איך, פאַל איך, פאַל,
פאַל אַריין אין — זאַל
פונעם פּאַלאַץ, ווי אויף ס'ניי געבוירן.

פרעג איך זיך אַליין: וואו בין איך, וואו,
ווער האָט מיך דערהויבן אין מיין זינקען?
עמעץ ברענגט מיר מילך פון שטרייכערס קו
און ער שווערט זיך, אַז מע טאָר עס טרינקען.
און די זון דאָרט נאָנט
ביי דעם האָריזאָנט,
וואַרפט אויף אונדז אַ גילדענע מנורה.

אָטעמען די זעכציק אין מיין ברוסט
אויף האָלענדיש, גריכיש און וואַלאַכיש,
און די שפּראַכן ווערן מיר באַוואוסט
אַז איך ענטפער איטלעכן בלחש.
פרץ פון דער וואַנט —
שטרעקט צו מיר אַ האַנט.
און דער פּאַלאַץ ווירבלט אין אַ הוירה.

פּירט, פעברואַר 1946

בערלינער זיידע

— ווי אַ גילגול־שטראַל פון אַ פאַרוואַגלטער לבנה
היפּער איך דורך די בערלינער חורבות נאַכט אַנטקעגן
און איך שילט אַיעדער ניט דערוואַקלטע קאַלאָנע,
גלייך ס׳וואָלט אונטער איר מיין מאַמעס אומברענגער געלעגן.

— „פיר מיך, קללה, דורך די שטיינער ווי אַן עמוד ענן,
זעונג פון מיליאָנען, וועד מקוים, וועד מקוים!״
ערשט אַ שטים האָב איך דערהערט אין מיטן שילטן, מאָנען,
ווי איך וואָלט געוועקט אַ שטיין און צוגערויבט זיין רו אים.

— „אייניקל!״ האָט ווער גענומען פאַר דעם האַלדז מיך רייסן,
„האָסט מיין שטיינעריקן שלאָף צעשפּאָלטן מיט דיין קללה!״
און איך האָב דערקענט מיין זיידן פונעם גרינעם רייסן
ווי אַ ווייכער נעפּל האָט מיך אַנגערירט זיין פּאָלע.

איך האָב קיין מאָל ביז אַצינדער ניט געזען מיין זיידן,
בלויז געוואוסט: ער הייסט ר׳ שבתי און מיין באָבע — עטל.
פערציק יאָר צוריק איז ער אַוועק שוין אין גן־עדן,
איז געווען רב אין אַ לבנהדיקן שטעטל.

נאָר מיין מאַמע פלעגט דערציילן וועגן איר געבערער,
אַז די געגנט האָט געלעבט מיט זיינע גרויסע מעשים.
האָט געלערנט תורה מיט די שוסטער, מיט די קערער,
און דאָס לשון פון חלומות — ניט געווען קיין נייס אים.

אויף אַ פערדלדיקן רוסיש — אים צו זיין מקנא,
האָט ער צו טאָלסטאָיען זיך געווענדט בשעת פּאָגראָמען,
און דער טרייסטנדיקער גאַט פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ
האָט אַ בריוו געענטפערט און געחתמעט מיטן נאָמען.

צום „מגן אברהם" האָט ער דרייסיק יאָר כסדר
מיט אַ פעדער פון אַ גאַנדז אַ פירוש אַלץ געשריבן;
און ביים סוף געוואָרן קראַנק און ניט פאַרענדיקט, ליידער;
די פאַרבלויטע פעדער ביי דער מאַמען איז פאַרבליבן.

מיט דריי לייבן נאַשפּיץ, אין אַ פּריצישער קאַראַטע
האָט מען דעמלט קיין בערלין געפירט אים צום פּראָפעסאָר.
נאָר דער טויט איז מיטגעפלויגן הינטער זיין קאַפּאָטע, —
ער איז אויסגעגאַנגען אונטער שניידנדיקן מעסער.

איצט האָט ער מסתם דערקענט זיין המשך אין מיין וואַנדער
ווייל מיין פלוך האָט אויפגעזיגלט זיין געשענדטן ברעטל:
— „נעם מיך מיט, פאַרפלאַנץ מיין חלום אויף אַן ערד אַן אַנדער.
טראָג מיך ווי דער ווינט אַ וואָלקן איבער שטאָט און שטעטל.

ערגעץ מוז דאָך זיין אַ זאַמד, וואָס דו און דיינע קינדער
וועלן עס ניט שילטן. איך באַשווער דיך: ברענג מיך דאָרטן, —
לייז מיך אויס פון ווערעמדיקער אייביקייט אַצינדער,
ווייל איך קען שוין מער אין אָט דער פינצטערניש ניט אָרטן..."

און ער קוקט מיך אָן אַזאַ כל-נדרידיקער, בלאַסער,
זיינע הענט באַרירן מיינע ריפּן, נענטער, טיפער,
און ער שווימט אין מיר אַריין — אַ וואַסער אין אַ וואַסער,
איבערביידן הוידעט זיך דער גורל ווי אַ שיפער.

„זיידע, זיידע, ביסט אין מיר און איך וועל ברענגען רו דיר,
דורך די אַפּלען מיינע בליצן אַלע דיינע יאָרן!"
איידער איך האָב פון בערלין פאַרקערעוועט מיין רודער,
האָב איך אָט די שורות דאָ פאַרשריבן לזכרון.

בערלין, מאַרץ 1946

צו די יידן אין דייטשלאַנד

אויף אָט דער ערד, וואו אויך דער סאָלאָוויי
לויפט נאָך מיר ווי אַ האַק וואוהין איך גיי,
אויף אָט דער ערד, אַוואו ס'האָט אונדז פאַרראָטן
אַליין דער גורל און ווי איש קריות
פאַרקויפט דאָס פאָלק, — אַ גאָלדשטיק פאַר אַ שטאָט
און מיט די שטעט אין איינעם אונדז פאַרקנאָטן —

אויף אָט דער ערד, איר שפּליטערס פון מיין שטאַם —
ווי מענטשן פון אַ שיף אַראָפּ אין ים
דערשווימען צו אַן אינדזל ווילד פאַרחיהט —
זענט איר דערשוואומען איינציק און פאַרוואונדט,
מיט גאָרנישט. בלויז אויף דער נשמהס גרונט
ווי דימענט האָט איר מיטגעבראַכט די פרייהייט.

נאָר איר פאַרטרויט זי קיינעם ניט. איר וואַרט.
ניט איין מאָל האָבן פרייהייטן געגנאַרט
ווי ברויט מיט סם אַ הונגעריקן גומען.
איר שלייפט זי ביי די גרענעצן, ביים ראַנד,
און שטערנט זי אַריבער צו דעם לאַנד
וואוהין איר זענט אין חלום שוין געקומען.

וואָלט איך אַ נביא זיין ווי גאָר אַ מאָל —
אַרויסגעגעטלעכט וואָלט פון מיר אַ קול
און איינגעפלאַנצט אין אייער פלייצע פליגלען:
— איר זענט ניט מער קיין לעצטע! נאָר איר זענט
די ערשטע פון אַ פאָלק, וואָס האָט דערקענט
זיין איך און אויפגעבראַכן זיבן זיגלען.

לאַנדסבערג, אַפּריל 1946

צו פוילן

צו פוילן

א

דו עלטערע שוועסטער פון היימערד פון מיינער!
עס וואָגלט אויף ס׳ניי דיין פאַרבענקטער ציגיינער.
אויף ס׳ניי איבער דיינע פאַרלאָשענע וועגן
און זוך דעם גערוך פון געוועזענעם רעגן.
די פאַרבן פאַרקלעפּט און פאַרלעבט אין מיין חלום,
דיין הימל, וואָס איך האָב געטרונקען אַ מאָל אים
צוזאַמען מיט פייגל־געזאַנג און לעגענדע.
אין פוילן איך זוך דיך. נאָר וואָס איז געשען דאָ?
דו ענטפערסט מיר ניט אויף דיין שפּראַך, וואָס געזויגן
האָב איך ווי דעם בליאַסק פון באַפליגלטע אויגן
אין ערשטער פאַרליבטשאַפט. מיצקעוויטשעס לשון
באַגעגנט מיך שטויביק. זיין גלאַנץ אין ניטאָ שוין.
ס׳איז ניט ווי אַ מאָל, ווען געקלונגען האָט גרוים עס
צוזאַמען מיט יידיש. — קרישטאָלענע כוסות
וואָס קלאַפּן זיך צו איינס דעם צווייטן לחיים.
כאָטש ליב האָב איך דיינע פּאָעטן עד היום
און וויפל עס זאָל מיך ניט וואָרגן דער יאוש —
דערפרישט מיך דער זוניקער קוואַל פאַן טאַדעוש.
די וועלדער אין היימישן באָדן פאַרקערנט,
די מענטשן וואָס ער האָט זיי לעבן געלערנט
און ס׳נאָגט זייער בענקשאַפט אין יאַנקלס קאַפּעליע.
און ליב איז מיר אויך דער פּאָעט פון אַנהעלי,
זיין גוף — אַ געפלעכט פון פאַרכישופטע פליטן
וואָס הילכן גאָר אָפּ מיט צעקלימפּערטע קייטן —
די קייטן אויף ברידער אין אייזיקן צפון.
אויך נאָרוויד, וואָס זינט כ׳האָב געזען זיינע סטראָפן
אין פוקערם טרינקאַרניע, פאַרקריצט אויף דער אַלטקייט
פון פורפלנע ווענט — האָט אויף מיר די צעקוואַלטקייט
פון זיינע משיחישע נעכט אויפגעפלעמלט,
אַז איך האָב געקניט און באַזונגען אים דעמלט.

ביז איצטער באַגלייט מיך דורך אַלע ירידן
זיין ליד, וואָס ער היילִיקט די וואַרשעווער יידן.
בין מוחל אַפילו און האָב ניט קיין טענה
צו זיי, דיינע זינגער, די שטאַמלינגען מיינע;
פאַרליבט אין דיין מיאוסקייט ווי אין דיין שיינקייט,
זיי וואָיען ווי הינט צווישן וועלף אין אַליינקייט.
נאָר וויפל זיי האָבן געפּרואווט זיך פאַרוואָלפן —
האָט אַלץ ניט געהאָלפן, האָט אַלץ ניט געהאָלפן.
בין מוחל! צי וואָלט דען ווי ליעשמיאַן, למשל,
באַזונגען אַ צווייטער דיין בלימל, דיין פראָשל?
די זון, וואָס דער אָוונט צעבלאָזט אין פּמליות,
אַ לאָנקע דערטרונקען אויף יענער זייט כוואַליעס
און ברעזעס, וואָס טאַנצן אין חלום ווי כרובים?
פאַרמאָגסטו אַ צווייטן ווי יוליאַן בן טובים?

נאָר ווער האָט די וואונדיקע סתירה פאַרענטפערט?
עס זענען דעם הפקר נאָך איבערגעענטפערט
די אָקערשט באַפרייטע. זיי וואָגלען פאַרגאַלטע
און כאַפּן זיך אָן ביי די שטידלען די אַלטע
פון זייערע היימען. (אַזוי ווי פאָר צייטנס
געיאָגטע, וואָס זענען פון נאָענט און ווייטנס
דערלאָפן צום מישכן אויס ריינגאָלד געהאַמערט
און דאָרט זיך ביים ראַנד פון מזבח פאַרקלאַמערט.)
כאָטש דערנער פאַרבייטן די ברידער, די שוועסטער,
אין דיינע פאַרשרפעטע, חרובע נעסטער.
נאָר אַנשטאָט מיט ברויט און מיט זאַלץ און מיט ליבע,
פאַרשטיי איך ביז היינטיקן טאָג ניט די סיבה
אַלמאַי זיי באַגעגנט גאָר זייטלדיק-ביטער
דער פאָליאַק, וואָס האָט דאָך געשמט פאַר אַ ריטער.
קומט אויס, אַז מיט הונדערט יאָר פריער דיין נביא
געווען איז גאָר בלינד, ווי אין טאָגליכט אַ סאָווע,
ווען ער האָט אין גלות געשאַפן לעגיאָנען
פון פוילישע יידן מיט פוילישע פאָנען?
טאָ וואָס איז געשען מיט זיין איניקל, וואָס זשע?

Smutno mi, Boże!

ב

דאָס ווייסל פון אויג איז געווען מיר דיין ווייסל!
און וויפל געטרער האָט געשטראָמט פונעם ווייסל
אין וואַסער אַריין דורך די דורות געשליפן.
און אויבן — די שיפן, די גילדענע שיפן.
אַ, ברעגן בייטייכיקע, פאַרביק און ראַשיק,
וואו חתונות ווירבלען אַרום שלום-אַשיק.
וואו ס'פינקלען נאָך בענטשליכט אין באָבעשע לייכטער,
וואו גויישער ווינט איז אַ יידישלעך-פייכטער!
מיין שטאָם האָט מיט גלויבן די וואָרצלען געלאָדן
ווען ער איז אַריין אין דיין פרוכטיקן באָדן.
פאַר דיינט וועגן האָט ער געשאַפן, געמייסטערט,
אין יאָרן פון קנעכטשאַפט — דערהויבן, באַגייסטערט.
די ליבשאַפט צום אייגנלאַנד האָט ער פאַרביטן
אין ליבשאַפט צו דיר און אין איינעם געליטן,
כאָטש ער האָט זיך כלומרשט פאַראינדזולט באַזונדער.
מיין שטאָם האָט אַריבערגעפלאַנצט דאָ אַ וואונדער
געבראַכט פון באַרג סיני דורך מידבר, נביאים — — — —
און דאָס האָט, קען זיין, דיר געגעבן אַ קיום
אַז דו ביסט געוואָרן געגרייסט און געווילקט,
אַז דיך האָט קיין צאַר און קיין האַר ניט פאַרטיליקט.
און די, וואָס דיך האָבן געבויט און געקנאָטן,
זיי זענען געבליבן פאַרקליינט אין אַ שאָטן, —
אַ הילצערנער קראַנץ פון בית-עלמינשע ברעטלעך.
דערפאַר האָבן שטעט זיך געטורעמט און שטעטלעך.

באַדאַרף מען דען זאָגן אַ דאַנק צווישן ברידער?
עס האָבן זיך איבערגעפלאָכטן די לידער
פון פויליש מיט יידיש, פון יידיש מיט פויליש.
און כאָטש דיין גלין-גלאָן האָט געשראָקן קאַטויליש —
האָט ער מיט אַ תפילה באַרירט זיך צוזאַמען,
ווי צווייגן פון צווי גאַר באַזונדערע שטאַמען
באַרירן זיך קעגן אַ זונפאַרגאַנג ביידע.
אַ טעות געהאַט עס האָט אָבער מיין זיידע
און איך שוין אַוודאי. צי הערסטו מיין ריידן?
צי וועסטו מיר קענען אויף אַלעם באַשיידן?

דו קרוין, וואָס דיין איידלשטיין האָט אין פאַרנאַכטן
פונאַנדערגעשימערט פאַרגאַנגענע פּראַכטן.
צעשפּרודלטער קוואַל פאַר בונטאַרן, פאַר בעש"טן
ווי לעשט'ן דעם דאָרשט פון די דורות, ווי לעשט'ן ?
איך האָב דאָך געמיינט : די מלחמה פאַרענדיקט,
וועט זיין אויך די פינצטערע שינאה געבענדיקט.
אַ רויז טויזנטבלעטערדיק וועט אויף רואינען
אַרויסבליען ווידער אַ פרישן באַגינען.
דער יידישער לייב און דיין אָדלער — די שכנים,
געשמידט אויף די קופּער־מנורות אין איינעם,
זיי וועלן געווים מיטן אויפשטראַל דעם זעלבן
באַלייכטן די קברים, דעם טרויערם געוועלבן.
מיר וועלן צונויפזאַמלען ווילן צו ווילן,
און אונדזערע וואונדן די ווייסל וועט קילן.
די שטעט וועלן אָפּוואַקסן — ציגל אויף ציגל,
אַ שויב וועט אַ פאָך טאָן אויף ס'ניי ווי אַ פליגל,
און גלייך מיט די שטעט וועלן דאַרלען זיך קינדער.
נאָר האָב איך אַ רעכט עס צו גלייבן אַצינדער ?
טאָ וואָס איז געשען מיט דער ברודערשאַפט, וואָס זשע ?
Smutno mi, Boże!

ג

איך ווייס, ביסט ניט שולדיק, וואָס פיינדלעכע האַרדעס
דיך זענען באַפאַלן, ס'איז איטלעכן קלאָר דאָס.
און האָט דיך דער בלוטפיינד געפליקט און באַליידיקט, —
האָסטו זיך פאַרטיידיקט, די בירגער פאַרטיידיקט
אין וועסטערפּלאַט, קוטנע. צי וועסטו דערקענען
די בערגלעך און זייערע ווינער ווער זענען,
פּאָליאַקן צי יידן ? ווי קען עס געמאָלט זיין !
זיי זענען געפאַלן, דיין אָדלער זאָל שטאָלץ זיין.
נאָר קוים האָט פאַרקנעכט דיך דער קנעכטישער שונא —
האָסטו שוין ביים טרייבן די יידן אין בוינע
אַ שרעקלעכע פרייהייט באַקומען ווי קיין מאָל,
און האָסט אויפן פייער געגאָסן נאָך בוימל.
נאָר איך האָב געפּרואווט זיך אַליין צו באַצווינגען,
איך זאָל וועגן דאָזיקן אמת ניט זינגען.

פאַר מיר האָבן איינציקע העלפער און רעטער
אַריבערגעוווּיגן פיל טויזנט פאַררעטער.
אין זכות פון דעם איינציקן בין איך געקומען
דיך ווידער צו ליב האָבן מוכן ומזומן,
אין זכות פונעם פּאַסטוך וואָס האָט אין אַ נאָרע
באַהאַלטן דאָס מיידעלע רויזנוואַלד שׂרה,
איר יאַגדעם דערלאַנגט אין איר אויסגעשטרעקט הייפל,
און שפּילן ער פלעגט אויך ניט ווייט, אויף זיין פּייפל
איר זאָל אין דער פוקסענער נאָרע זיין היימיק.
(אַצינד האָט זי אים שוין געשריבן פון עמק.)
אין זכות פונעם סטרוזש, וואָס האָט אונטערן בנין
אַוואו די געסטאַפּאָ באַהאַלטן אַ מנין.
אין זכות פון אַמאַליאַ דער טייערער נאָנע
וואָס האָט פאַרן געטאָ געבראַכט אַ מתנה
אַ זעקל מיט פּולווער. אין זכות פון אַ פּויער,
געהאַנגען אין מיטן דער שטאָט אויף אַ טויער
מיט רייסיקער אויפשריפט: געהאָלפן אַ יודע.
אין זכות פון דעם הינטשלעגער וואַצעק. אין בודע
וואו ער פלעגט די הינט די געכאַפּטע פאַרשליסן,
דאָרט האָט ער פאַררוקט, עס זאָל קיינער ניט וויסן
דריי קינדער אַהינטער אַן אָפּצוים פון ברעטער.
אין זכות אויך פון די איידלמוטיקע רעטער
וואָס אומבאַוואוסט זענען די נעמען אָפילו,
פאַרקלער איך זיי נעמען און טו פאַר זיי תּפילה:
פאַר די, וועלכע לעבן — די לעביקסטע פריידן,
און פאַר די פאַרשניטענע — רו אין גן עדן.

נאָר זע איך די קויל די צעגליטע פון וואַרשע,
וואָס האָט זיך אין האַרץ מיר געטאָן אַ פאַרירשע —
דערמאָנט זיך מיר אויך, ווי עס האָבן געשליידערט
מיט שיכורן חוזק די לייט פון דער פריי דאָרט
ווען ס'האָבן אין געטאָ ווי ברעניקע לייבן
געקעמפט מיינע ברידער, דעם כבוד צו הייבן
פון לאַנד און זיין פאָלק, וואו מע וועט עולה רגלען
צו שעפּן דעם רום. „ווי זיי טוען זיך פרעגלען,"
געשפּאָט האָבן דיינע געפּודערטע דאַמען

און דורך די לאַרנעטן געקוקט אויף די פלאַמען.
נאָר שוין ביי די רייד וועגט אַריבער מיר ווידער
אַ צענדליק פּאָליאַקן וואָס זענען ווי ברידער
געקומען אַליינוויליק, פול מיט פאַרמעסטונג
און העלדיש געפאַלן ביים שיצן די פעסטונג.
און זיי וועט דער שטראַליקער האַר פון די יאָרן
פאַרקריצן מיט דימענט ביי זיך אין זכרון.
נאָר זענען כאָטש יענע גיבורים דיר טייער,
צי היטסטו דעם גייסט פונעם וואַרשעווער פייער?
וואָס האָט ער, אַ שטייגער, געלערנט דיך, וואָס זשע?

Smutno mi, Boże!

ד

ווי קען איך דיך בענטשן? איך בין דאָך דער עדות
פון דיינע פּאָגראָמען אויף קינדער און זיידעס.
איך האָב דאָך געזען, ווי מיט פרענטן און פלעקער
עס מאָרדט דיין המון אונטער קופּערנע גלעקער.
און שפּעטער — געזען דיינע פרויען און מענער
אין שטומען באַגלייט אונטער בלוט־רויטע פענער
די לאַנגע לוויה, די פרייע, די נייע.
שאָפּען האָט געוויינט און געפירט די לוויה.
און אויבן — די פענער ווי פייגל געפאַנגען
זיי האָבן אַנטלויפן געוועלט פון די שטאַנגען.
— — — — — — — — — — — — —

און אמת איז אויך, אַז די ערד אויפן רידל,
געפאַלן אין גרוב ווי אַ פלאַנביקע פידל, —
איז גלייך ווי זי וואָלט מיר פאַרשאָטן מיין בענקשאַפט.
און מער פונעם ווייטיק און טיפער געקרענקטשאַפט
ביים זען ווי די זון איז מטהר און צערטלט
מיין חבר, דורך דיינע מערדיירים צעפערטלט —
צעפרעסט מיך דער זשאַווערדיק טעמפּער בזיון
וואָס נאָך דער מלחמה עם ווידמענען, ראַיען
אַרום אונטער דיינע פאַרשרפּעטע דעכער
ווי גיפטיקע עקדישן פוילנס פאַרשווועכער.
און כאָטש מיר איז שווער צו דערטראַכטן זיך סטראָפיק

דיין צוקונפט — דאָך איז שוין ביי מיר ניט קיין ספק,
אַז וואו נאָר עס וועט זיך איר מזל ניט ריכטן —
ס'געוועזענע וועסטו ניט קענען פאַרריכטן.

און מיינסטו, איך זאָג עס דערפאַר ווייל איך וואָרן
און בעט זיך: דערבאַרעם זיך, מינער דיין צאָרן,
לאָז בויען דעם יידן צוריק דיינע גיטער?
ווי קום איך צו זיין אויף דיין ערד אַ געביטער!
עס האָט דאָך אַ צווייטער געמאַכט דעם סך־הכל
און איך בין דאָ בלויז ווי אַ צווייג אין געוואַקל.
אַ צווייג, וואָס ביגוואַלד וויל כאָטש איין מאָל נאָך גרינען!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איך שפּרייז דורך דער מידבר פון וואַרשע, געפינען
אַ ווייסל אַ צווייטע, כדי אויף די שטראָמען
זאָל זעגלען זיך ווייטער מיין סלאַווישער נאָמען.
ס'באַגלייט מיך אַ ווערבע, אַ ליד אַ פאַרבאַקנס,
אַ תורה געוויקלט אויף בראַנדזענע נאַקנס,
צעפינקלטע בענטשליכט אין איטלעכן אבר,
אַ שטיינדעלע פון אַנילעוויטשעס קבר,
וואָס קייקלט אַריין אין די דורות זיין סימן.
און ווי ביי סלאַוואַצקין אין פלאַמיקן הימען
ביים זונפאַרגאַנג — רווישן אויך איצטער בוטשאַנען
און טראָגן אַוועק מיינע טרערן פון דאַנען
אין שקיעה. נאָר אים האָט געצויגן קיין פוילן
און איך וויל שוין אָפּרוען ווייט פון די גרוילן.
— בוטשאַנען, וואָס האָט איר געלאָזן מיך, וואָס זשע?
Smutno mi, Boże!

ה

ס'איז אומעטיק, גאָט מיינער! ווי לאָזט מען איבער
דעם עמק הבכא, די שטיבער, די גריבער?
ווי שטעלט מען דער פוסטקייט אַ דענקמאָל, אַ צייכן,
עס זאָל צו מיין אייניקלס אייניקל גרייכן?
וואָס טוט מען, דער נעכטן זאָל ווערן נתגלה
דעם מאָרגן? ווי פאַנגט מען דעם עכאָ פון אַלע

פאַרשניטענע תפילות? ווי טרינקט מען פון לאַגל,
פון וואַנען דער טויט האָט געטרונקען? איך וואָגל
און פּרואוו די אַנצאַליקע קברים פאַרשטעמפּלען
מיט לידער. איך שפּרייז דורך די מירמלנע טעמפּלען
פון דיינע בית עלמינס לובלינער און קראָקער,
אַהינטער אַ בערגל פאַרשרומפּ איך זיך, לאָקער,
און ס'דאַכט: עלעהיי איך בין ווידער אין יענעם
שוואַרצבערדיקן פוילן אַ טאָג פאַרן גיהנום.
עס גריסן מיך תחית־המתימדיק נעמען.
פאַרליימיקטע פּנימער הייבן זיך, נעמען
אַריין אין אַ ווירבל מיין גוף בחפזון,
אַ רגע... און ווערן פאַרוואַנדלט אין גראָזן
צעצינגלט אויף בערגלעך מיט גרינעם דערבאַרעם.
איך שפּיר אָבער אונטער די גראָזן אַ ליאַרעם,
ווי ס'וואָלטן די טויטע פאַרטיידיקט אַ ביתר
און שאַלן אַרויס דורך אַ שוואַרצן טרומפּייטער
דאָס לעבן. און אויבן די דעמבעס ווי שילדן
פאַרהאַלטן די צייט אין געצווייג און באַגילדן
די קרישל־מצבות מיט האַרבסטיקע בלעטער.
— בית־עלמינס, בית־עלמינס, וואו זענען די רעטער?
וואו זענען די פעלדזן־געקנעטע טיטאַנען
וואָס זאָלן אויף זייערע פּלייצעס פון דאַנען
אַוועקטראָגן אייך איבער נאַכט דורך אַ כישוף
און איינפלאַנצן דאָרט, וואו אַ יידישער יישוב
אויף ס'ניי ווערט געבוירן! — —
אָ, ווי מיר, אָ, וויי מיר,
מע זעגט אויף די שטילע בית־עלמינס די ביימער!
דער שפּיגל פון דורות פאַרלירט באַלד זיין אויסזע.
און ערב יום־כפור ביים קבר פון חוזה
אין פּוסטן לובלין — ליגט אַ קאַפּטע שיכורים.
און שימלדיק שטיל איז ווי ערב אַ שטורעם
ביים שטיין פון רמ"אַ אין אַלטפּעטערשער קראָקע.
אַ ציג בלאָנקעט אום אין די שאָטנס קאַסאָקע,
אַנטפּאַרעמט די רו ביים באַטרעטן אַ ריטל
און צופּט אינעם גראָז אַ פאַרוואַלגערטן קוויטל.
און דאָרט אויף דער גענשע נאָך וואַרט אויפן גואל
מיט פליגל צעבויגענע פּרצעם אוהל

און היט דעם בריליאַנטענעם שטויב פֿונעם דיכטער
וואָס האָט אין די געטאָס געשפּריִיט זיינע ליכטער.
געלאָדן פֿאַרזשאַווערט געוווער מיט בטחון.
איך שטיי ביי דעם אוהל און זע: אין די מאָכן
ביים ראַנד איז אַ שמאָלע באַהעלטעניש קענטיק.
אַ געטאָ־ייִד האָט עס מיט פֿאָרכט, אייגנהענטיק
אַ היים זיך געבויט ביים אַנטרינען פֿון שחיטה, —
די גאָלדענע קייט זאָל דאָ האָבן אַ שליטה
און היטן דעם לעצטן וואָס טוליעט זיין גלויבן
צו פּרצעס אייביקע, גלייביקע שטויבן.
ביי טאָג פֿלעגט ער ליגן פֿאַרדרייט אין זיין פֿאָלע
און ווערעמלעך פֿלעגן אים לערנען קבלה.
נאָר ווען די לבנה מיט ביינערנע פֿינגער
נעמט אָנקלאַפּן אויבן — פֿלעגט ווערן אים גרינגער.
אַרויסקריכן פֿלעגט ער אין דרויסן פֿאַרטאַיעט
און זאָגן מיט ליימיקן קול ווי אַ פּייט
ס׳געשריפֿטס אינעם אוהל־געוועלב: „אַזוי גייען
מיר זינגענדיק, טאַנצנדיק...״ דאָס פֿלעגט דערפֿרייען,
דערהייבן זיין גייסט אין צעגליטע צירופֿים
און אויפֿהאַלטן, שטאַרקן זיין דערנערשן גוף אים.

און איך, וואָס אַהער בין געקומען כּדי צו
געזעגענען זיך — נעם אַרויף אויף מיין פּלייצע
דעם אוהל און וואַנדער אַוועק מיט זיין ניגון
וואָס גאָר די פֿאַרגאַנגעניש טוט ער צעוויגן
און ווייס מיר אַ וועג אין די מאָרגנס פֿאַראַקערן:

— „אָט אַזוי גייען מיר,
די נשמות — פֿלאַקערן!״

פּוילן, יולי — סעפּטעמבער 1946

אַ פלאַש מיט נעמען

שולדיק איז דער גוף

שולדיק איז דער גוף מיט קאַלטער הויט און קרומען מויל.
ניין, דער גוף איז גאָרניט שולדיק, נאָר דערביי דער קויל.
ניט דער קויל — איך שווער אַצינדער
אַז אַליין בין איך דער זינדער:
איך האָב אויפן קאַלטן גוף געקריצלט מיטן קויל.

פריער האָט דער גוף געוואַרעמט ניט באַקענטערהייט.
שפּעטער — ביי מיין זייט פאַרפרוירן און צו זיך פאַרקייט.
נאָר זיין גייסט האָט נאָך דער גסיסה
ניט געקענט אַרויס פון תפיסה, —
האָב איך אויפן גוף געשריבן און דעם גייסט דערפרייט.

ערגעץ איז דאָס ליד פאַרגאַנגען ווי די זון אין ים.
אויף אַ דעק פון בלוט און פערל חלומט עס מסתם.
אין דער תפיסה, אין דער טונקל
האָט אַרומגעשוועבט אַ פונקל,
צוגעהערט דעם עכאָ און געריסן זיך צום פלאַם.

נאָר דער גוף האָט אָנעם ליד פאַרבלייבן ניט געקענט.
איז ער בליציק דורכגעשוואומען די געשמידטע ווענט.
מיטן קויל בין איך געבליבן —
שוין פאַרגעסן וואָס געשריבן,
און עס רייסן זיך ווי הינט מיט אַ געוואָי די הענט.

מאָסקווע, 1946

תחית המתים

איך האָב געזוכט דעם שופר של משיח
אין פעלקן גראָז, אין אָפּגעבערענטע שטעט,
צום אויפוועקן חברים. האָט גערעדט
מיין ביינקע נשמה:
זע, אָט גלי איך
אין דיר אליין,
וואָס זוכסטו מיך אין דרויסן?

האָב איך אין גרויסן
איינגעשמידטן צאָרן
ארויסגעריסן פונעם לייב מיין גייסט,
ווי אַ שאַרפן האָרן
פון אַ לעבעדיקער חיה
און אָנגעהויבן בלאָזן:
תקיעה,
שברים.
ווערט לעבעדיק, די וועלט איז איצט אַ פרייע.
לאָזט איבער אייער ניט-זיין אין די קברים
און שפרינגט ארויס מיט בענטשונג.
זעט, ווי ריין
עס וויגן זיך פון וועגן אייך די שטערן!

איז אָפּגעשוואָומען ווי אַ טייך
די ערד מיט גראָז און שטיין
און מענטשנרייד האָב איך געטאָן דערהערן:
— מיר ווילן ניט, אַוועק, דיין ערד איז טמא!
— פון שטראָף צו זיין געבוירן האָט מען איין מאָל אונדז באַפרייט!
— מיר דאַרפן ניט דיין צייט,
דיין בלינדע, לאָמע
און ניט די שטערן,
אונדזער אומליכט שימערט מער ווי זיי!

— די וואָר דאָס זענען מיר,
דו טרוים פֿאַרשאָלטענער, פֿאַרגיי!
פֿאַרשפּילט און אויסגעשפּילט איז דיין מלחמה.

בלויז איינער, מיט אַ שטים אַ ניט־געהערטער
ווי דאָס בליען פֿון אַ וואַלד, מיך האָט
פֿאַרבענקט גערופֿן: לייז מיך אויס, באַשערטער — —

— ווער ביסטו, איך זאָל האָרכן דיין געבאָט?

און גראָזנשפּראָך האָט מיר געענטפֿערט: גאָט.
איך האָב אַ מאָל געלעבט אין דיינע ווערטער.

מאָסקווע, 1945

דער לייכטער

. . . און איך האָב געזען אַ זעונג,
נאָר איך ווייס ניט איר באַשייד.
ווער אַנטפּלעקט מיר איצט די זעונג,
ברענגט זי טרויער מיר, צי פרייד?

צווישן דערנער שטעקט אַ לייכטער.
ווי אַ לעבעדיקס — ער קריכט
פון אַ גרוב אַ קלעפּיק פייכטער
אַן זכרון פון אַ ליכט.

שפּאַן איך נענטער, נענטער, נענטער,
דורכן אָונטיקן גרינס,
פון דער זעונג אַ פאַרבלענדטער
צו מיין אויסטערליש געפינס.

און איך צי אַרוים דעם לייכטער
ווי אַ קינד פון מוטערס טראַכט, —
ערשט אין מיינע פינגער לייכט ער
כאָטש אַרום שוין פלייצט די נאַכט.

און אַ ליכט אוים געלע וואַקסן
ווייזט זיך אויך פון העלער הויט.
פאַלט אַ פונק. צינדט אַן איר קנויט.
און די ליכט נעמט וואַקסן, וואַקסן

איבערביימער, איבער שטאָט,
אין די שטערנדיקע הייכן.
ווער זוכט זי — בלייבט אַ סוד,
ווייל איך קען דאָרט ניט דערגרייכן.

מאָסקווע, נאָוועמבער 1945

אַ מאָל איז געגאַנגען אַ רעגן

אַ מאָל איז געגאַנגען אַ רעגן.
האָט זיין יעדער וואַסער־פינגער געטראָפן
די באַהעלטעניש פון אַ מינדסטן גראָז.
געטראָפן —
איז דאָס גראָז אַרויס פון דער ערד
אין אַ וואַסערקלייד,
אין אַ זונענקלייד.
איז אַרויסגעשוואומען די ווייסע רויז
אַרומגעכאַפּט מיט דערשראָקענע בלעטלעך
ווי אַ נאַקעט מיידל ביים דערהערן טריט.
האָט דער ווײַנשלבוים זיך אונטערגעגעבן
און אַרויסגעקניפּן פון זיינע ליפּן
די שטראַליקע ווײַנשל,
די קושן־ווײַנשל
וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיך אַליין.

דו האָסט עס באַמערקט?
אויב ניין — אַ שאָדן!

עס האָט גאָר די ערד זיך געפרייט מיטן רעגן,
בלויז מענטשן אין ווייסע שטרויענע היט
זענען געלאָפן
מיט הירשענע טריט
גיך און גיכער
צום גלעזערנעם טויער,
וואו אַ וועסערל האָט געזשומעט אין טרויב
ווי אַ פליג, וואָס פאַלט אַריין אין אויער.

אַ מאָל איז געגאַנגען אַ רעגן.
הײַנט —
איז ניטאָ מער קיין רעגן,
מיין ליבער פריינט.

דו האָסט עס באַמערקט?
אויב ניין — אַ שאָדן!

אַנשטאָט אַ רעגן
גייט, קומט
אַ וואָלקן, טונקלט אַראָפּ צו דער ערד
און באַרירט שטעט מיט שפּיניקע פינגער.

דו האָסט עס באַמערקט?
אויב ניין — אַ שאָדן!

דער וואָלקן צעגייט ווי טראָפּנס צין.
שווענקט דעם באָדן.
וואַשט די הייזער.
און אַז די טראָפּנס צעשטעפּן דעם שטויב —
שווימען אַרוים די צעקנייטשטע הייזער
מיט פאַרהאַקטע לאָדן,
פאַרזשאַווערטע האָקנס,
און אַנשטאָט היימישע דעכער —
שטוינען
שוואַרצע דערנער ווי בינטלעך בליצן.

און דעמלט זענען די טראָפּנס מטהר
די פולע פוסטקייט
וואָס הענגט אויף די האָקנס.
ניטאָ מער די ווייסע שטרויענע היט
וואָס לויפן צום טויער,
צום גלעזערנעם טויער.

דו האָסט עס באַמערקט?
אויב ניין — אַ שאָדן!

מיליאָנען טראָפּנס,
(אַזוי פיל טראָפּנס
וויפל מענטשן

עס פעלן אויף דער ערד)
ציען זיך,
שנירלען
שורשען
ריזלען
אהין, אהין,
צו דער אייביקער נידער,
צום אורעלטן פאטער פון אלע טראפנס.
נאר אהינטער זיי —
ווי, ווי,
גראזן מער ניט ארום קיין גראזן,
בלימלט מער ניט ארום קיין בלימלונג,
נאר עס בלייבט א וועג,
א צעקארבטער וועג,
וואס האט ניט קיין אויסוועג וואוהין צו פירן.

און ניט קיין רעגן־בויגן גייט אויף —
נאר א שטיינערנער פויסט אין זיבן קאלירן.

מאסקווע, 5טן אפריל 1945

איך האָב געזוכט דאָס ניט־אַנטפּלעקטע שווייגן

איך האָב געזוכט דאָס ניט־אַנטפּלעקטע שווייגן —
כדי דורך דעם דערגרונטן זיך צום וואָרט,
האָב איך געזען אַ ווערעמל פאַרבייגיין
אין גראָזנקלייד, מיט פּערלשיין באַהאָרט.
ווי ער וואָלט זיין דעם שווייגנס אַ באַגרינדער,
ווי ער וואָלט זיין דער אומגערויש פון זיך.
און כאָטש מען זאָגט, אַ וואָרעם איז אַ בלינדער
האָב איך אים נאָכגעהיפּט זיין מינדסט געקריך.

ווי אויף אַ מעסערס אָנגעשאַרפטער דינקייט
האָט ער געצויגן אויף באַגראָזטן פליין
און דורכגעשפּיזט דעם אינהאַלט פון דער גרינקייט,
ביז ער האָט מיך דערוואָגלט צו אַ שטיין
דורכויס געשמידט אין פיאָלעטע מאָכן:
„דאָ ווינט דאָס שווייגן, נעם דעם שטיין — צעשפּאַלט!"
און מיט אַ שמייכל איז אין שטיין פאַרקראָכן
דאָס קריכערל און מיך געלאָזט אין וואַלד.

איך האָב דעם שטיין געדריקט אין מיינע אָרעמס,
געבוירערט מיט מיין אָנגעגליטער טרער.
ווי דאָס געזאָג וואָלט ניט געווען קיין וואָרעמס
נאָר גאָט אַליין וואָלט ברענגען מיך אהער.
איך האָב אין שטיין געהאַמערט מיט מיין שאַרבן —
(דאָס איז געווען מיין תּפילה צום גראַניט!)
און ווען איך האָב פאַרלוירן אַלע פאַרבן —
מיין לעצטע טרער האָט אויפגעפּראַלט זיין מיט.

און וואונדער איז געשען: אַ גאָלדן פונקל
האָט דורכגעשוויגן מיין געלייטמטע צונג,
און גאָר די וועלט אין אַשיקן געטונקל
איז אויפגעגאַנגען בראשיתדיק און יונג
צוזאַמען מיט מיין גייסט. דאָס האָט דאָס שווייגן
זיין מלאך־וואָרט מיר פּאַטעריש פאַרטרויט.
אַצינד וועל איך שוין קענען שטייגן, שטייגן,
אַהין, וואו עס דערקלעטערט ניט דער טויט.

מאָסקווע, יוני 1945

בעסער לעבן

אַזוי פיל מענטשן קומען זיך באַהאַלטן
פון האָגל־שטורעם אין מיין פיצל חלום —
אַז איך בין זייער שוץ און בעל־הבית.
נאָכמאָל זאָל איך פאַרשלעפּן די געשטאַלטן
אין שאָטנלאַנד אָן צייט און אָן אַ מאָס ?
בעסער לעבן.

איך וועל דאָך אויסזען אויסטערליש און קאָמיש —
אַ קינד אין אַ קאַפּאָטע פון אַ זקן,
ווען אויף מיין לייב וועט אָנטאָן זיך די וועלט.
מעג זיין אין קבר ניט אַזוי מין סדומיש —
וועט סיי ווי מיין הנאה זיין פאַרשטעלט.
בעסער לעבן.

די מענטשן וועלן שרייען אין אַגאָניע,
ווי קוואַלן ווען קיין צוגאָב־וואַסער קומט ניט,
איעדער איינער מיט אַן אַנדער קול :
אָ, דיכטער, דיכטער, למה עזבתני,
וואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט אויף אַלע מאָל ! ?
בעסער לעבן.

מאָסקווע, 1946

אונדזער גלויבן

אונדזער גלויבן איז אַ שיימע דורכגעבלויט פון אַלטקייט
וואו אַנטבליטע פּסוקים פירן שלאַכטן מיטן שקר.
וואו אַן אויסגעריבן וואָרט איז מאַכטיקער אַנטפּלעקער.
ברונעמדיקע טונקלעניש — אין־סופיקע צעשטראַלטקייט.

אונדזער גבורה איז אַ טויב אין נעסט פון אַ פרוכת.
כ׳האָב איר נאָכגעפלאַטערט איבער טויטער שטאָט און שטעטל
און געזען: אין פיסקעלע דאָס לעבעדיקע בלעטל
נעמט באַפרילינגן צוריק די אָפּגעברענטע כוחות.

אונדזער בענקשאַפט איז אַ הייפל פראָסטע ערד, פון וואַנען
ס׳הימלט אַ תנכן־בוים באַרינגלט מיט מידבריות.
און להכעים אַלע אומגליק־זיכערע טעאָריעס —
ציען זיך אַהינצו קאַראַוואַנען, קאַראַוואַנען.

מאָסקווע, 1945

צום געצן־דינער

געצן־דינער, בענקסטו נאָך דיין גאָט?
ניט אוים גאָלד — האָסט פון דיין גייסט פאַר זיך אַ קאַלב געשמאָלצן
און דו היפערסט פאַרן קאַלב אויף סקריפּעדיקע שטאָלצן,
ווען דער גואל איז אַרויף דיר ברענגען צען געבאָט.

און בשעת מיט אויסלייז אויף די ציין,
ווי אַ גאַרב פון שטראַלן, ער וועט איילן צו דער נידער —
וועט ער ניט דערקענען מער, אַז איר זענט ביידע ברידער
און דערפילן זיך פאַרקליינט, פאַרגעצט ווי דו אַליין.

ביז דעם טרויערם ברענענדיקער זאַלב
וועט דיך מיט אַ שמע־ישראל יאָמערלעך באַשטראָמען
און דו וועסט צוריק דערזען די קינדהייט פון דיין נאָמען,
דו, וואָס האָסט פאַרביטן די נשמה אויף אַ קאַלב.

ווילנע, 1945

צום דינעם אָדערל אין קאָפּ

צום דינעם אָדערל אין קאָפּ פֿאַרטרוי איך זיך אין גאַנצן.
מיין וואָרט זיך נערט אין זיין קרישטאָליק-זינגענדיקן שטויב.
און אַלע זיבן חכמות, וואָס דער ווירבל וויל פֿאַרפלאַנצן —
זיי פֿאַלן אָפּ אַנטפֿליגלטע ווי האָגל אָן אַ שויב.

איך ליב דאָס וואָרט פֿון איין געשמאַק, וואָס זאָל אין זיך ניט פֿאַלשן,
און ניט קיין זיס-און-זויערן היבריד מיט פֿרעמדן טעם.
אַלץ איינס, צי שטייג איך הויך אויף מיינע ריפּן צי איך פֿאַל שווין —
דאָס וואָרט איז מיינס. אין שוואַרצאַפּל פֿון טויט — אַ שטיקל פֿלאַם.

ווי גרויס עס זאָל ניט זיין מיין דור — איז גרעסער נאָך זיין קליינקייט.
נאָר אייביק איז דאָס וואָרט מיט גאָר זיין מיאוסקייט און פּראַכט.
צום דינעם אָדערל אין קאָפּ פֿאַרטרוי איך לעצטע שיינקייט:
אַ ווינט. אַ בינטל גראָז. דעם לעצטן שטערן פֿון דער נאַכט.

ווילנער געטאָ, 1943

שורות געשריבן אין וואַרשע

א

פון גאָר דער ביבל און עוואַנגל
איך זוך דאָס וואָרט, איך זוך די רו,
וואָס וויגט זיך ווי ביים קוואַל אַ זאַנגל
און צו זיין שאָטן האָרכט זיך צו.
אין מיט פון אומקום און געראַנגל —
ישעיהס וואָרט: נחמו, נחמו.

נחמו צו אויגן די פאַרפירטע
וואָס זעען זומפּ און מיינען: גאָט.
נחמו צו די, אין גראָז באַצירטע,
וואָס איך צי ווייטער זייער טראָט.
און טרייסט צום דיכטער, וואָס זיין מירטע
איז רויך פון אַ פאַרברענטער שטאָט.

ב

פּאָעטן! לאָמיר זיך פאַרוואַנדלען
אין זיך אַליין. — אין פריי געזאַנג.
מיט אונדזער טרויער מער ניט האַנדלען, —
ווייל ער איז ליסטיק ווי אַ שלאַנג.
און מיטן פאָלק אין איינעם וואַנדלען
אַריבער אייגענעם פאַרגאַנג.

מיר זענען אַלע אהאַספערן,
ווי דימענטן אויף גרונט פון ים —
באַלייכטן מיר דעם זיין און ווערן
מיט אונדזער דימענטענעם גראַם.
און שטאַרבן ווי ישראל שטערן
און לעבן אויף מיט אים צוזאַם.

וואַרשע, 1946

מקנא בין איך

מקנא בין איך אַפּטע דעם קלוגן אייזל
וואָס גיט ניט נאָך דעם שטעקן אויף זיין קאַרק.
וואָס אין עקשנות גוואַלדיק איז ער שטאַרק.
און איך, דער מענטש, טו תּפילה, אַז דער ווײ זאָל
ניט בייגן מיך. באמת, איך בין נישטיק
אַקעגן אייזלהעלד. ווייל שטעל זיך פאָר:
איך ראַנגל זיך אַ גוטן שלעכטן יאָר
מיין ליד ניט צו פאַרהאַנדלען פאַר אַ פרישטיק.

לאָדזש, 1946

דאָס שערבל

עס ציט די זון מיט שטראַלנשטריק אַריין אין זיך דעם טאָג.
דאָס גאַרע ליכט פאַרוואָרצלט אין געשטאַלטן,
דעם לעצטן פורפל אינעם גלאָז צעשפליטערט אויפן ראַג,
און אויך די קברים פול מיט גראָז צעשטראַלטן.
איך זע, ווי אַלע פאַרבן אין אַ קאָסמישן געיאָג
אין שערבל זון באַהאַלטן זיך, באַהאַלטן.

און מאָרגן? מאָרגן וועט דאָס שערבל אויסשטראַלן צוריק
וואָס ער האָט היינט אַריינגעזאַפּט פאַרנאַכטיק.
נאָר מענטשן, זאַכן, וועלן מיט אַ גלייביקערן בליק
דערזען ווי זייער נייע זון איז פּראַכטיק.
און זיין וועט זיי די חלפדיקע אויסלעשונג אַ בריק
צו וועלט־אַנטפּלעקונג וואונדערלעך און מאַכטיק.

אָ, ווי דאָס שערבל זייג איך ביזן אָדערדיקן דנאָ
אַרוים פון אייך די זוניקע יסורים
און פאַל אַריין אין גאַרניט . . . נאָר אויף מאָרגן בין איך דאָ.
דער טרויער איז געלייטערט אין מיין פורעם.
און איר דערקענט אין מיין געשטאַלט די אימהדיקע שעה
וואָס אויסגעריסן האָט פון אייך דער שטורעם.

לאָדזש, 1946

ליד וועגן אַ הערינג

בײַ דער אָפֿענער גרוב האָט צעוויינט זיך אַ קינד:
— מאַמע, עסן, עסן!
האָט די מאַמע אַ רגע פֿאַרגעסן.
אָדער עס האָט זי פֿאַרגעסן
דער,
וואָס האַקט אונטער די קני פֿון מעת-לעתן —
און געשווינד געעפֿנט דעם קלומיק און ס'קינד
געגעבן אַ הערינג צום עסן.

ווי זילבער-גענאָד
האָבן קינדערשע ציין
דעם הערינג פֿאַרכאַפּט מיט הנאה.
נאָר שטיל, ווי אַ נאַכטיגאַל וואָלט זיך צעזונגען
העט, איבער וואַסערן בלאָע, —
האָט אַ פֿײַערדיק שנירל געזאַנג
מיט אַ מאָל
געטאָן פֿונעם קאָפּ אַזאַ שפּרינגל
און מיטגעשלעפּט אויך אין געבראָכענעם קרייז
צו דער גרוב

דעם נאַקעטן יינגל.
און אַזוי איז געבליבן פֿאַרמירמלט אין גרויל
דאָס בילד, וואָס אַנטרינט ניט פֿון זינען:
אַ קינד מיט אַ בלוטיקן הערינג אין מויל
אין איינעם אַ זומערס באַגינען.
איך זוך פֿונעם הערינג דעם זאַלץ
און קען אַלץ
אויף די ליפּן זיין טעם ניט געפֿינען.

וואַרשע, אויגוסט 1946

מיין פאַרגעסענע ביקס

אין חלום וואַכט אויף מיין פאַרגעסענע ביקס
וואָס אַן עלנטע לעבט אין די וועלדער:
— „עס לאָקערן ווידער פאַרדעכטיקע פיקס
און זיי ווילן צעפליקן דיין שוועל דיר!"

איך שפּרינג פונעם חלום אַרויס אין געאייל
און פאַרטרייב ווי די הינט זיינע פאַרבן.
נאָר ס'ביקסענע קול איבער הונדערטער מייל
בויערט דורך מיין פאַרלידערטן שאַרבן:

— „עס דרעמלט דיין טאָכטער אין וועדבענער וויג,
ביסטו גרייט צו באַשיצן איר דרעמל?
צי קען דיך באַרוען דער זיגל פון זיג,
און צי ביסטו פאַרגלייבט דעם געזעמל?

דאָס אָקערשט פאַרגאַנגענע איז ניט פאַרגאַנג,
און אין היינט איז פאַרוואַנדלט דער נעכטן.
ווי ברענגראָז פאַרלויפט דער אומזיכער דיין גאַנג
און דער מערדער — פאַרשטעלט אין גערעכטן.

איז דאָס פאַר דער פרייזשאַפט דער לאַרבער, דער שכר?
איז אַ סתם־אַזוי־ווערטל מיליאָנען?
דערפאַר ביסטו איבערגעבליבן, דערפאַר,
דו זאָלסט ווידער אַ קרבן זיין קאָנען?"

איך רוף מיין פאַרגעסענע ביקס אויף דאָס ניי:
ניט געשטעלט נאָך קיין פּונקט, ניט קיין קאָמע.
אַצינד, ווען עס קילט אויף די פעלדער דאָס בליי,
פירט די שארית־הפליטה — מלחמה!

לאָדזש, סעפּטעמבער 1946

פ י ל אַ ט ו ס *

פילאַטוס, געווען ביסטו וואָלקן, געקלעטערט צו גאָט,
נאָר ער האָט מיט פעלדזיקן בליק דיך פאַרבלינדט און פאַרגליווערט.
אַצינד ביסטו צאַרנדיק-בלאָ און געפאַנגען דיין טראָט,
נאָר אונטער דער אייביקער נאַכט ניט פאַרלאָשן דיין גלי ווערט.

איך קלאַמער זיך איין מיט די נעגל און ציין אין דיין קאַרק —
וויל אָנטאָן דיין קליידונג. און אויב ניט ווי דו אַזוי גרויזיק,
כ׳וויל זיין ווי דיין אָפּהילך אין וואַסער געדולדיק און שטאַרק.
דערמאָנט מיר אַ שטים, אַז דיין פּנים אין וואַסער איז חוזק.

פאַרקערפּערטער בראשית! מיין קליינע, מיין מענטשלעכע וואונד
ביסטו ניט בכח פאַרדעקן מיט פעלדזיקע לאַטעס.
און שפּרינג איך אין אָפּגרונט, — אַפילו אין יענער סעקונד
וועט מיך ניט דערפרייען דיין גאַליק געלעכטער, פילאַטוס!

לוצערן, 1947

* פילאַטוס — אַ באַרג אין די אַלפּן.

שפינאָזע

א

אַ נאַכט מיט שפּינאָזען, —
דער גייסט פון דער וועלט ליגט געפאַנגען ביי מיר אויף די הענט.
ווי בלומען און גראָזן
עס בליען די אותיות אין אייביקער ליבשאַפט דערקענט.

ס'נעמט ריידן מיין קאַמער
אויף לשון פון ליימענע ווענט און ווערט לויטער ווי קוואַרץ.
אַ גייסטיקער קלאַמער
פאַרברידערט די ווייטע לבנה אַצינד מיט מיין האַרץ.

אין וועלטישער זעונג
פאַרנעם איך מיין טויזנט-געשטאַלטיקייט נאָענט און האַרך.
און אָט — אַ געשעונג:
איך שפּיר דורך די גלידער פון גראָזן און ביימער דעם שאָרך.

ס'געוויין פון די גרילן
טרערט אויס מיינע ליידן. די מילב וואַרפט אין פייער מיין טויט.
אַצינד נעם איך פילן:
בין איינער פון די, וואָס האָט עפּעס דערטראַכט און דערבויט.

אַ ווייסע בעריאָזע
קלאַפּט אָן אינעם פענצטער, מיר האָבן זיך ווידער פאַרקניפּט.
אוועק שוין שפּינאָזע.
עס הויכט נאָך זיין וואַרעמער אָטעם אויף מיין מאַנוסקריפּט.

ווילנע, 1937

ב

לאַנג האָב איך געדריקט די קליאַמקע, צוגעלייגט אַ ליפּ,
גלייך זיין האַנט וואָלט קופּערדיק זיך דאָען.
און — די גרינע טיר האָט זיך געעפנט. אין איר כּקריפּ
הער איך די מוזיק פון זיינע שעהען.

קיין מאָל, קיין מאָל, האָב איך ניט געהערט אַזאַ מוזיק.
טיפער שאַר איך זיך אַריין אין חדר.
מיט אַ ליכט אַ וואַקסענער דער מאָלער וואַן דע ספּיק
און אַ מאַן אין גוססדיקע קליידער.

— מאַן, דו שטאַרבסט, נאָר ענטפער, האָב איך דיך פאַרשטאַנען גוט,
ווייל דערפאַר איך קען ניט לעבן, שלאָף ניט:
איז דער אומקום אויך אַן אומבאַדינגטער אַטריבוט
פונעם קרייז, וואָס האָט קיין אָנהייב, סוף ניט?

אויפן טיש די אָוונטזון פון אייביקייטס קאָליר
שלייפט אַ גלאָז, וואָס ער האָט ניט דערשליפן.
און אַן ענטפער גיט מיר די מוזיק פון גרינער טיר,
עפנט אַ געדאַנק אין מיינע טיפן.

האַג, 1947

ג

אין די אַלט־געבלעטערטע פֿאַרנאַכטן
זע איך זיי אין איינעם האַנט אין האַנט
ביי די קילע וואַסערן, די גראַכטן,
אונדזער האַר שפּינאָזע און רעמבראַנדט.

וואָס רעמבראַנדט אין פֿאַרביקער התלהבות
האָט דערמאָלן ניט געקענט — דערמאָלט
זיין באַגלייטער מיט אַ פֿאַרב אַזאַ וואָס
דרינגט פֿון שכלם קלינגענדיקן גאָלד.

וואו ס׳איז גאָט פֿון זיך אַליין די סיבה,
פֿאַר שפּינאָזעס מאַכטיקן אַנטפּלעק —
מיט זיין פּענדזל איינגעטונקט אין ליבע
גיט נאָך צו רעמבראַנדט אַ לעצטן פֿלעק.

ביידע שאָטנס נעמען איניק טראַכטן.
דעקן צו מיט דורכזעאיקער הויט
אי די שטאָט, קאַפּויער אין די גראַכטן,
אי דעם קלוגן, וואַרטנדיקן טויט.

אַמסטערדאַם, 1947

ד

די „נייע קירך” איז הויקערדיק און אַלט.
עס פּלאַצן שוין פון שטומקייט אירע גלעקער.
און איך זוך אים דעם ליכטיקן אַנטפּלעקער
צעווישן דערנער אויפן הויף. עס פאַלט
מיט שאַרפן זאַלצוואַסער פון ים אַ רעגן
און וואַשט די אותיות פונעם גראָען שטיין
פאַרעלנט און פאַרזונקען ביז די ברעגן,
ווי ער וואָלט זיך געגענטערט צום געביין
וואָס האָט זיין גייסט פאַרטיילט דער וועלט און וועמעס
געדאַנק האָט ווי דער רעגן וואָס מע זעט
זיין אָנהייב ניט, נאָר ברענגט אַראָפּ די זעט —
אַראָפּגעבראַכט אויף אונדזער שטויב דעם אמת.

די ערד האָט ניט געהאַט פאַר אים קיין אָרט.
זיין ברודער האָט גֿעקאַרגט אים אירע גרעזער,
נאָך וואָלקנט אויף די חורבות דאָ און דאָרט
דער חרם פון דער שול דער פּאָרטוגעזער.
דער רעגן האָט שוין דורכגעגליט מיין לייב.
ער שפּילט אויף מיר ווי פינגער אויף קלאַווישן.
איך קלייב די קלאַנגען־טראָפּעלעך און קלייב,
זיי זאָלן מיך באַלייכטן און דערפרישן.

אַמסטערדאַם, 1947

דער ניי געבוירענער

מיט שטערנצײַנער בײַסט די נאַכט די קייט אויף מײַן געזאַנג.
די רינגען פֿאַלן, פֿאַלן. איך — אין אומגעזאַנג פֿאַרלוירענער
דערהער אַ נײַעם קלאַנג ווי דאָס געבוירן פֿון אַ זאַנג,
ער בוירט מײַנע שלייפֿן דורך: גוט מאָרגן, ניי געבוירענער!

עס טוט זיך אָן דער מאָרגן אויף מײַן גוף אַנשטאָט אַ הויט.
און איך ווער ייִנגער, ייִנגער מיט די זשונגען, די פּילונגען,
ווי אויסגעוויקלט וואָלט זיך מײַן נשמה פֿון אַ שויט
און טויזנטפֿאַרביק אויסגעשטראַלט די ניט־אַנטפּלעקטע פֿרילינגען.

דער טרויער, ווי אַן אָפּגעפּלייצטע לאַווע, האַרט און קאַלט,
מיט אומבאַוועגלעכקייט פֿאַרהיילט דעם נעכטנס קרומע פּנימער.
נאָר איך, דער ניי געבוירענער, דערקען ניט מײַן געשטאַלט.
און אַלע חושים בילן: דו זאָלסט קיין מאָל ניט דערקענען מער!

פּאַריז, 1946

פּאַריז

I

די אָוונטזון באַשיצט אַקעגן נאַכט דעם סאַקרע-קער.
אויס טויזנט פאַרבן שמידט זי דאָ פאַר זיך אַ באַריקאַדע.
אַ צוגעפליגלטער צום בארג פאַרנעם איך, ווי אַהער
דערגרייכן מיך פון העקן וועלט געשטאַלטן נע-ונדע.
און ווי אַ האַלב דערטרונקענער, איך אָטעם איין אַלץ מער
מיין וואונדערוועלט, פאַרלוירן אין דער אומקומצייט אַוודאי.
— אַנטפינצטער זיך, פאַרלאַשן אויג, ווער קלאַנגיק, מיין געהער,
און טרינקט זיך אָן מיט זילבן פון אַ נייער לידעריאַדע!

II

אַ נדר האָב איך זיך געטאָן אין זומפּעדיקע נעכט:
דער שלאַנגיקער נסיון זאָל מיך ניט פאַרגיפטן, איידער
מיין אָטעם וועט זיך אָפּשטעלן. איך זאָל ניט זיין געקנעכט.
מיין שטים זאָל וואַנדערן באַזונדער צווישן אַלע ריידער.
געננוג פאַר מיינע פינגער זאָל איך זיין גערעכט און עכט,
במילא שוין פאַר אַלעמען אַ טרייסטער און באַשיידער.
אַצינד, ווען ס'איז דער אַשמדאַי דערשטיקט אין זיין געפלעכט, —
באַשווער איך זיך אַ צווייטן מאָל צום אויספירן דעם נדר.

III

האָסטו געזען אַן אָדלער אין זיין שטורמישן געיאָג
בשעת ער וועגט דעם שטורעם הין און הער אויף זיינע פליגל?
אַזוי אַ פלאַטערט מיין געדאַנק און וועגט דעם נעכטנס וואָג.
ער בייגט זיך, פאַלט. אָט קראַכט ער באַלד אַראָפּ אויף בלוט און ציגל, —
געפאַלן דאַכט זיך! אָבער ווידער גיט אין אים אַ שלאָג
די האָפענונג. ער הייבט זיך העכער, העכער אין אַן עיגול,
ברעכט דורך די וואָלקנס, און די פליגל טאַפּן אָן אַ טאָג
וואָס פינקלט לויטער-ליכטיק ווי אַ דימענט אין אַ שפּיגל.

IV

וואָס ברענגסטו מיר, דו אַדלער אומגעזעענער, — געדאַנק?
מיט וואָסער פאַנג אין דיינע נעגל קענסטו זיך באַרימען?
דו האָסט דאָך צוגעזען מיין היימשטאָט אין איר לעצטן צאַנק
און ווי אַ קוש ביים עשאַפאָט אויף דיר נאָך גליט איר סימן.
אַנטפּלעק דיין אמת! ווען דאָרט אונטן, איידלשטייניק־בלאַנק
אַ טורעמדיקע שימערט אוים די פעלקערשטאָט איר הימען.
איך וויים: פון דאָס פאַרגאַנגענע ביסט איינציקער געשאַנק,
ניטאָ די האַנט וואָס זאָל דיך קענען איינבייגן, פאַרקרימען.

V

סאָלוט דער שטאָט, וואו עס געפינט זיין פּנים יעדער גר,
וואו מענטש איז מענטש, מיט זיינע פריידן, בענקשאַפטן און צערן.
איך טרינק דעם שטיינערדיקן וויין פון שטאָט, אויף סאַקרע־קער,
אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שורה זון אין די פּאַנאַרן.
דאָ שוועבן גייסטער. פּלאַטערן אַריין אין מיין באַגער.
דאָ לעבן אין דער לופטן לאַנג פאַרקלונגענע פאַנפאַרן.
און פרייהייט איז ניט אַלט געוואָרן, איינגעשרומפּן־שווער,
נאָר יונגנט, ווי אירע רויזן ביי דער וואַנט פון קאָמונאַרן.

VI

איך האָב געזען אין לאווור מלך רעמסס. מיט אַ מאָל —
דערהערט אַ זאַמדיקן געוויין. דאָס האָט מיר פון מצרים
אַ יינגל אין אַ וואַנט פאַרמויערט אויסגעגליט זיין קול.
ניט שוין זשע מאַנט פאַרענטפערונג די וויטע שטים עד היום?
איז מיינס דאָס יינגל פון צוריק־מעת־לעתן אָן אַ צאָל?
ווער פויקט עס מיר אין ווירבלדיקן שאַרבן: לויף באַפריי אים?
איך בין געלאָפן. ס'האָט דער לאווור נאָכגעקוקט, איך זאָל
די אויסטערלישע מאָנונג זיין מקיים.

VII

אוודאי איז דאָס ניט קיין ברכה, ווען אויף יעדער טראָט
גייט נאָך דער שווידער־יחוס. נאָר איך קען דאָך אויך באַשאַפן
אַ שטראַלנוועג וואָס פירט פון יינגל צו די צען געבאָט.

און פון די צען געבאָט, פון מידע מידבּרדיקע שקלאַפן —
צו אַלבערט איינשטיין, וואָס די צייט האָט אים פאַרטרויט איר סוד
און דורכגעשניטן דורך זיין שליף אומענדלעכע געלאַפן.
אַזאַ מיין טרייסט: אַרויסוואַקסן וועט אויך פון מיין יסוד
אַ וואונדער, און די גאַפנדיקע מאָרגנטעג — פאַרגאַפן.

VIII

מיין מישפּט מיט דער וועלט געטרוי איך מיין געפּרוואווטן שטאַם,
ער ווייס: אַ בומעראַנג צוריק אין וואַרפער איז די שינאה.
איך זע, ווי ער איז אויסגעשטערנט איבער לאַנד און ים,
אין ריזנשטעט, אין שניי, מידבריות, העקן אוראַלט־גרינע.
פאַרשלונגען האָט אים ניט קיין פלאַם, ווייל ער אַליין איז פלאַם.
ער גייט זיין וועג דורך אינקוויזיציע, האַק און גילאָטינע;
און פאַלט ער, — איז דער גורל דעמלט ניט מיט אים צוזאַם
און ראַנגלט זיך, און זאַנגלט זיך אין זאַמדיקער מדינה.

IX

דורך מיר אַליין דעם וואַנדער פונעם וואַנדערפאָלק איך מערק.
און תפילה טו איך צו אַ קלאָרקייט דורכזעאיק געשליפן.
אַ קלאָרקייט, ווי ביים דיכטער ווען עס עפנט אים זיין ווערק
אַ רגע בלויז די ניט־אַנטפּלעקטע אָפּגרונטן און טיפן.
אַ קלאָרקייט ווי אַ קאַלטער שטאָל. ווי יענע שפּיצן בערג
וואָס טונקלען ניט, כאָטש נאַכטיק וואַסער הייבט שוין אָן צו טריפן.
זיי טונקלען ניט. אַ מחנה ליכטער נידערט אויף די קערק —
ווי שטראַלנדיקע מעוועס קומען אָפּרוען אויף שיפן.

X

ס'דערנענטערט זיך אַלץ מער די שטאָט. איר הימען ברענט. איך שליס,
פאַרמאַך די אויגן, ניט אַנטלויפן זאָל פון מיר דאָס פייער.
די גאַסן קלעטערן צו מיר אויף שפּיגלדיקע פיס
און חלומען אַריין אויף נאַכט ווי גאַרבן אין אַ שייער.
עס לעבט אין מיר דער שטראַלנוועג. די שטים פון לוווור איז
באַהאַלטן אויך. עס קלינגען גלעקער אָוונטיקער, פרייער.
אַ גרוס דעם טאָג וואָס האָט מיך אָפּגעפונען אין פּאַריז.
אַ גרוס דער נאַכט, און אַלע די וואָס זענען ליב און טייער.

פּאַריז, דעצעמבער 1946

ווער האָמערט?

ווער האַמערט פאַרזשאַווערטן טשוואָק אין מיין גייסט?
ווער פּרואווט מיין געגראַמטן שגעון דערהערן?
מיין חבר, מיין חבר, דו האָסט דאָ געשפּרייזט,
געלייענט ביים ליכט פון דער מאַרגע באָדלערן.

דער אָוונט איז קראַנק אויף מאַלאַריע מסתם.
איך זע דיין אָנגופיקע אויסשטראַלונג נענטער.
מיין חבר, עם בליצט דיין געזאַנג פון אַ פלאַם,
געבונדן אין פרײַשאַפט, איך צאַנק אַ פאַרברענטער.

כ׳האָב ערגעץ געלאָזן מיין וואָר, ווי אַ שאָף
לאָזט איבער אַ בינטעלע וואָל אין די קוסטן.
מיין חבר, אַזאַ איז מיין וויליקע שטראָף:
געפינען דיין עכאָ אין זומער דעם פּוסטן.

צו הרגען אַ מענטשן איז גאָרניט קיין גליק.
פאַר דיינט וועגן וואָלט איך אים אָבער דערשטאָכן, —
מיין חבר, מיין חבר, זאָלסט קומען צוריק.
דיך אויסלייזן — **דאָס** וואָלט געווען מיין נצחון.

פּאַריז, 1947

אַ שולכל

כ'האָב פֿאַרוואָגלט אין אַ שולכל — ווינט און פֿאָוועטינע,
אין אַ שעה ווען דו דערקענסט ניט פֿון אַ וואָלף ביז הונט.
ערגעץ פֿון אַ טורעם אין דער שטאָלענער מדינה —
אַ הארמאַט, וואָס לויערט אויף די וועגטלעך גראָע, דינע.
נאָר דאָס שולכל ווי אַ חלום איינגעפּלאַנצט אין גרונט —
האָט קיין האָר זיך ניט געקימערט, מיט די שאָטנס מיך באַשימערט.
עלעהיי ס'וואָלט אין אַ ברונעם פֿאַרביק זיך צעזונט.

אינעם ברונעם האָט געברומט אַ צאַנקעדיקער לערנער.
איינער בלויז. און איך האָב זיך פֿאַרוואָנדלט אינעם אות
אויפֿגעלעבט אויף זיינע ליפּן. אַלע נעכטנס' דערנער
האָב איך דעמלט שוין געצערטלט היימישער און גערנער:
אָט דער לערנער ברומט אין ספֿר און ער ווייס פֿאַר וואָס.
גאָלדיק האָט אַ ליכט געטריפֿלט, מיין מחשבה — זיך געשיפֿלט,
ביז דער לערנער אָפּריכטן האָט אָנגעהויבן חצות.

און געקלערט האָב איך אַזוי: פֿון סורא, פּומבדיתא,
האָט אַ קלוגער שפּליטער זיך פֿאַרקליבן דווקא דאָ,
ווי ער וואָלט געזען די צוקונפֿט. און די צייט די מיאוסע
קען דעם גורל-שפּליטער ניט פֿאַרשפּאַרן אין קיין תּפֿיסה.
דאָס האָט ער אין יענע שטעט באַשטימט וואָס ניין וואָס יאָ.
און אַוועק בין איך אין קלערן, מיט אַ נייעם קנייטש אין שטערן.
און דאָס שולכל — מיך באַגלייט אַ קיילעכדיקע שעה.

פּאַריז, 1946

מאַראַנען

ניט פאַרלאָשן האָבן זיך די שײַטערס פון קאַסטיליע.
פלאַקערן פאַרהוילענע אַריבער שטעט און לענדער.
ס'איז ביים פאָלק דער פלאַקערטויט געוואָרן אַן אידיליע,
מיט דער מאַסקע נאַרט ער זיינע פריינדלעכע פאַרלענדער.
שמינק פון ניינציק שפּראַכן, אָנגעפּעלקערטע העוויות,
קעמל־הויקערס, טאָמער וויל אַ טרונק דער ליבער שכן,
אַלץ, עס זאָל געדויערן נאָך היינט דער שלום בית
און ווי געעצן אויף די אַקסלען טראָגן פרעמדע יאָכן.
טויזנט מאָל פאַרברענט און דאָך פאַראַנען —
מאַראַנען.

וואָגלענדיקע בעטלערפּרינצן, אויסגעשטעלט אויף לאַסקעס,
פונעם שוואַרצן טויטנטאָל געטרייע פּאַטריאָטן, —
וועל איך זען דעם רים פון אַלע שאָלעכצן און מאַסקעס?
ווי עס וויקלט זיך אַראָפּ אַ שאָטן נאָך אַ שאָטן?
קנייטשן טויזנטיעריקע פאַרקאַרבט אין יעדער סעקטע,
וואָלקנס אָנגעוואַקסענע אויף אונדזער גראָען פּרילינג,
ניט־אַנטגורלטע גורלות, וויזיעס ניט־אַנטפּלעקטע,
וועל איך זען אייך נאַקעט, אַן מאַראַנישער פאַרהילונג?
וואָגל־ברידער, וואו איר זאָלט ניט שפּאַנען —
מאַראַנען.

פּאַריז, 1947

דענקמאָל

א

זינט דו ביסט פאַרגאַנגען, איז מיין וואָרט אַ ליקוי־חמה.
האָסטו זיך שוין איינגעלעבט אין טויט, מיין גוטע מאַמע ?

כ'ווייס ניט וואו דיין קבר. גאָר די ערדקויל איז דיין קבר.
אונטער מיינע פיס — די כוואַליעס פון דיין יעדער אבר.

זומערבליצן אַקערן אַדורך צו דיר אַ שטעגל,
צו די אויגנלעכער איז אַ רעגן עולה רגל.

נאָר אַן איוב קלאָגט פון די נשמה־גרונטן סאַמע :
האָסטו זיך שוין איינגעלעבט אין טויט, מיין גוטע מאַמע ?

ב

קיינער האָט ניט אָפּגעטיילט מיין שנירלדיקן נאָפּל.
אָפּגעברענט אַ לעבן — לעב איך צווייגעשטאַלטיק, טאָפּל.

ווען אַ שטילקייט ליידיקט אויס דעם שאַרבן אין פאַרנאַכטן —
ריזלט, קומט אין מיר דיין מילך — דער ניגון פון דיין טראַכטן.

און מיין קינד, געזאַלבט אין אומקום־רגעס מיט דיין נאָמען,
בלייבט דערשראָקן ווען אין מיר די תפילות דיינע שטראָמען.

אָבער אויך פאַרזיגלט אונטער ערדן שוואַרצע, דיקע,
וועט מיין שאָטן פון דיין שאָטן ציען די יניקה.

פּאַריז, 1947

די פרוי פון מירמל אויפן פער־לאַשעז

די פרוי
פון מירמל אויפן פער־לאַשעז
האָט מיך געפאַנגען.
עס איז געווען אַזוי:
איך בין געגאַנגען
אויף פער־לאַשעז,
מיט פרישן בינטל בעז,
אים צו דערלאַנגען
שאָפּענס געביין
פאַרוואַנדלטן אין קלאַנגען.

שוין דאָס אַליין,
וואָס אויפן שטיין
איז אָנגעשריבן וואו דער
מייסטער איז געבוירן —
האָט געטאָן מיך אַ צערודער.
ווערדליק אָרט איז ער כמעט אַ ברודער.
און ווערדליק צייט? —
נאָר וואָס איז אַ יאָרהונדערט
אין פאַרגלייך מיט אונדזערע מינוטן?
אָסור, אויב איך בין מיין פּיצל איצטיקייט מקנא!
איך האָב מיין אויער צוגעלייגט צום שטיין
און דערהערט: עס רעגנט דאָרט אַ פּיאַנע.

נאָר דעמלט האָט מיין גאַפנדיקער אויער
דערשפּירט אַ וואַרעם צאַפּלען,
אַ באַוועגן.
אַ הייב דעם קאָפּ —
אַ פרוי־מצבה בייגט זיך מיר אַנטקעגן.

די פרוי־מצבה אויפגעלעבט און וואַך,
צעעפנט ליפּן אָנגעשימלט־גרינע.
זי שטעקט אַריין איר האַנט אין מיין טשופּרינע
און שטיינערט מיר אין פּנים אויף איר שפּראַך:

„דאָס האַרץ פון דעם וואָס איך היט
איז לאַנג אַוועק אין זיין היימלאַנד.
און בלויז דער שטויב זיינער בליט
אין רויטן, טויטן ליימלאַנד.

נאָר דו אַז דו ווילסט, מעסיע,
ווי מיין האַר שאַפּען פאַרברענגען, —
צי ווייסטו וואו ניין, וואו יע,
מע זאָל דאָס האַרץ דיינס ברענגען?"

די זון האָט אין מיין צווייגל בעז
פאַרשרומפּן זיך, פאַרלאָשן.
געבליבן בין איך אויפן פּער־לאַשעז
געליימט. אָן לשון:
כדאַי געווען צו זאַמלען אויף מיין קאָנטע
דרייסיק יאָר,
פאַרלירן אַלע נאָנטע,
בלייבן הענגען אויף אַ האָר,
אַרויסגיין פונעם קאַלכאַויוון
מיט ניט־פאַרברענטע טרערן,
אַז איך זאָל איצט, אויף פּער־לאַשעז דערהערן,
אַז מיין אַלמאַכטיק האַרץ איז ווערט אַ פּיים.
און אויב איך וועל מיר אַ צוואה מאַכן
מען זאָל שפּעטער ברענגען עס אַהיים —
וועט גאָר דאָס טרויעריקע וועלטפאָלק — לאַכן.

פּאַריז, 1947

אַ פלאַש מיט נעמען

פון זינט מיין היכל איז געוואָרן אַש
און אָנשטאָט ברויט איך קען דעם אַש ניט נעמען, —
באַגלייט מיך אין די פרעמדע שטעט אַ פלאַש
מיט קינדיש קרום-און-לאָמע צוואַנציק נעמען.

כ'האָב זי דערנישטערט אונטער האַלבע ווענט
אויף דיסנער געסל דריי, אין אַ מאַלינע.
דערביי — סקעלעטלעך דורכגעקוילט, פאַרברענט,
אין פלאַש די נעמען אויף פּאַפּירלעך גרינע.

פון געטאָ־אַלטער לויערט זי נאָך דאָ.
ווי שמעטערלינגען צאַנקען אום די פינגער
וואָס האָבן גלייך ווי פּערל אויפן דנאָ
די נעמען אויסבאַהאַלטן פון באַצווינגער.

איך האָב די שריפט געזען אַן איינציק מאָל.
אין פלאַשן-קבר קריקגעלייגט די צוואַנציק.
אין זעלבער פלאַש פון זוניקן קרישטאָל
האָט כרמל-ווייַן געברויזט אי שטאַרק, אי גלאַנציק.

איך האָב געפרעגט ביי זיך: אַלמאַי אין דער,
און ניט אין צווייטער פלאַש די צוואַנציק נעמען?
געזונקען איז אַהינצו מיין געהער,
אין לויער זייער ענטפער צו פאַרנעמען.

פון דעמלט איז די פלאַש מיר אַ גראַנאַט.
געהתמעט מיט מיין גלויבן איז דער פּראָפּן.
איר עמוד-אש באַלייכט דעם גע-ונד,
און פאַר אַ קישן לייג איך זי צוקאָפּן.

אין מאָסקווע האָט איר כּוח מיך געשפּייזט,
אין מידבר וואַרשע — אויסגעשלאָגן וואַסער.
אין דייטשלאַנד האָט זי אָנגעשאַרפט מיין גייסט
אַנטקעגן די מיליאָנען משוגעתער.

איך טראָג זי ווייטער איבער לאַנד און ים,
אַ הענגלבריק פאַרוואַרפט זי איבער תהומען.
זי האָט ניט מורא פאַר דעם שונאס פלאַם,
די פלאַש, פאַרפול מיט יידישע אָטאָמען.

זי האָט ניט מורא פאַר קיין שום אַרמיי.
מיין פלאַש איז גרייט אויף יעדער מינדסטן ליאַרמל.
און ברענגען וועל איך זי אַהיים, כּדי
צום אָנגיסן מיט פרישן וויין פון כּרמל.

פּאַריז, 1947

ביכער פון זעלבן מחבר:

לידער
ביבליאָטעק פון יידישן פּען־קלוב, וואַרשע, 1937

וואַלדיקס
פאַרלאַג פון יידישן ליטעראַטן־פאַראיין און פּען־קלוב אין ווילנע, 1940

די פעסטונג
פאַרלאַג איקוף, ניו־יאָרק, 1945

לידער פון געטאָ
פאַרלאַג איקוף, ניו־יאָרק, 1946

ווילנער געטאָ
פאַרלאַג פון די ווילנער אין פראַנקרייך, 1946

פון ווילנער געטאָ
פאַרלאַג „עמעס״, מאָסקווע, 1946

עס ווערט געגרייט צום דרוק:
געהיימשטאָט
אַ פּאָעמע

שער־בלאַט געצייכנט פון מיכל ווײַנער